STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01441

DI PSIKHOLOGYE FUN DI MASN

Sigmund Freud

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָפ. זיגמונד פרויד

די פּסיכאָלאָגיע פון די מאַסן און דער אַנאַליז פון מענטשלעכן „איך"

פאַרלאג מ. יערוכעמזאָן, ווארשע

1 9 2 8

פראָפ. זיגמונד פרויד

די פסיכאלאגיע פון די מאסן און דער אנאליז — פון מענטשלעכן „איך“

איבערזעצט פון דער
דייטשער לעצטער אויסגאַבע
שרה לעהרמאַן

פאַרלאַג מ. ירוחמזאהן
װאַרשע 1928

געווידמעט דעם אמתן מענטש און אויפריכטיקן

פרייַנט — פרוי גאָלדע סקאָלע. ניו־יאָרק.

דער איבערזעצער.

PROF. ZYGMUNT FREUD
PSYCHOLOGJA MAS a ANALIZA
CZŁOWIECZEGO „JA“.

Tłom. S. Lerman

Wydawnictwo M. Jeruchemson
Warszawa Miodowa 20.

Druk. „Renoma“, Warszawa, Karmelicka 17.

אינהאַלט:

1. אַריינפיר — — — — 5–7
2. לע באָנס שילדערונג פון דער מאַסן-נשמה 8–22
3. אַנדערע אָפּשאַצונגען פונם קאָלעקטיוון נשמה-לעבן 23–31
4. סוגעסטיע און ליבידא — — — 32–38
5. צוויי קינסטלעכע מאַסן: קירך און אַרמיי 39–48
6. ווייטערדיקע אויפגאַבן און אַרבעטס-ריכטונגען 49–55
7. די אידענטיפיצירונג — — — 56–64
8. פאַרליבטקייט און היפּנאָז — — 65–72
9. דער סטאַדע-אינסטינקט — — — 73–80
10. די מאַסע און די אור-האָרדע — — — 81–90
11. אַ שטופע אינם איך — — — 91–98
12. דערגענצונגען — — — — 99–113

אַריינפיר.

די סתירה צווישן דער אינדיווידועלער און סאָציאַלער אָדער מאַסן־פּסיכאָלאָגיע, וואָס זעט אונז אויס אויפן ערשטן בליק צו זיין אַ זייער באַטייטנדיקע, ווייזט זיך גאָרנישט אויס אַזוי שאַרף נאָך אַ גרינטלעכער באַטראַכטונג. הגם די אינדיווידועלע פּסיכאָלאָגיע שטיצט זיך טאַקי אויף דער אָבסערווירונג פון דעם איינצעלנעם מענטש, פאָרשט דורך וועלכע וועגן ער זוכט צו דערגרייכן די באַפרידיקונג פון זיינע נייגונגען, דערביי אָבער קומט איר זעלטן אויס, אין באַשטימטע אויסנאַם־באַדינגונגען, נישט אין אַכט צו נעמען די באַציונגען פון דעם איינצעלנעם צו די אַנדערע אינדיווידואומען. אינם גייסטיקן לעבן פונם איינצעלנעם מענטש קומט תמיד אין באַטראַכט דער אַנדערער אַלס פּראָטאָטיפּ, אַלס אָביעקט, אַלס העלפער און אַלס קעגנער, און דעריבער איז די אינדיווידועלע פּסיכאָלאָגיע פון אָנהייב אָן גלייכצייטיק סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיע אין אַ פאַרברייטערטן, אָבער דורכאויס באַרעכטיקטן זין.

דאָס פאַרהעלטניש פון דעם יחיד צו זיינע עלטערן און

ברודער-שוועסטער, צו זיין ליבע-אָביעקט און צו דיין דאָקטער·
אַלזאָ, די אַלע באַציונגען, וועלכע זענען ביז אַהער געווען
הויפּטזעכלעך אַן ענין פון פּסיכאָאַנאַליטישער אונטערזוכונג, קענען
אַרויסשטעלן אַ פאָדערונג אָפּגעשאַצט צו ווערן אַלס סאָציאַלע
פענאָמענס און דאַן אַנטקעגנגעשטעלט ווערן יענע אַנדערע, דורך
אונז אָנגערופענע נ א ר צ י ס ט י ש ע, פּראָצעסן ביי וועלכע די
באַפרידיקונג (געטריבן פון די נייגונגען) מיידט אויס דעם איינ-
פלוס פון אַנדערע מענטשן אָדער איז מוותּר אויף אים. די
סתירה צווישן סאָציאַלע און נאַרציסטישע — Bleuler וואָלט
אפשר געזאָגט. א ו י ט י ס ט י ש ע, גייסטיקע אַקטן, — געהערט,
אַלזא, דורכאויס צום געביט פון דער אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע
און איז נישט פעיק צו ווערן אָפּגעטיילט פון דער סאָציאלער
אדער מאסן - פּסיכאָלאָגיע.

אין די איבנדערמאָנטע פאַרהעלטנישן צו עלטערן און
ברודער – שוועסטער, צו געליבטע, צו פריינט און צום דאָקטער,
באַקומט דער יחיד שטענדיק נאָר דעם איינפלוס פון אַן איינצע/-
נער פערזאן אדער פון אַ זייער קליינער צאָל פון פערזאָנען, פון
וועלכע יעדע איינע האָט פאַר אים אַגעוואַלטיקן באַטייט. מ'האָט
זיך צוגעווינט, ווען מען רעדט פון סאָציאַלער אָדער מאַסן —
פּסיכאָלאָגיע, נישט אין א:ט צו נעמען די דאָזיקע באַציונגען און
אויסצוטיילן אלס באַזונדערע זאך דעם גלייכצייטיקן באאיינפ/וסט
ווערן פונם יחיד דורך אַ גרויסער צאָל מענטשן, מיט וועלכע
ער איז דורך וואָס עס ס'איז פאַרבונדן, בעת אין א סך היג-
זיכטן קענען זיי אים גאר זיין פרעמד. אַלזא, די מאַסן—פּסיכא-
לאָגיע באהאַנדלט דעם איינצעלנעם מענטש א/ס מיטגליד פון אַ
שבט, פון אַ פאלק, קאסטע, שטאנד, אינסטיטוציע אדער באשטאַנד
טייל פון אַ מענטשן — מאַסע, וואָס האָט זיך פאַר אַ באַשטימטן
צוועק אָרגאַניזירט אויף אַ געוויסער צייט אלס מאסע. נאָכן
איבעררייסן אזא נאטירלעכן צוזאמענהאַנג, קען מען איצט אָפּ-
שאַצן די דערשיינונגען, וואָס קומען פאָר ביי די עקסטערע באַ-
דינגונגען ווי אַן אויסדרוק פון אַ ספּעציעלער נייגונג, וואָס גיט
זיך שוין נישט אונטער קיין וויטערדיקער אויפלייזונג, — א סאָצ-

אלע נייגונג — Herd instinct [1] group mind [2] — וואָס קומט נישט צום אויסדרוק אין קיין שום אנדערע סיטואַציעס. מיר דאַרפן אָבער אַרויסשטעלן אַ טענה, אַז עס איז פאַר אונז שווער צוצוגעבן דעם מאָמענט פון דער צאָל זאַ גרויסן באַטייט, אַז איר (דער צאָל) אַליין זאָל זיין מעגלעך צודערוועקן אין מענטשלעכן גייסטיקן־לעבן אַ נייע און ביזאַהער נישט־עטיקע נייגונג. מיר וועלן אַלזאָ ווענדן אונזער אויפמערקזאַמקייט אויף צוויי אַנדערע מעגלעכקייטן; די סאָציאַלע נייגונג קען נישט זיין קיין אורשפּרינגלעכע און אויפלייזנדיקע, און אַז די התחלות פון איר בילדונג קען מען געפינען אין אַן ענגערן קרייז, ווי, למשל, אין דער פאַמיליע.

די מאַסן־פּסיכאָלאָגיע, הגם זי געפינט זיך איצט אין איר אַנטשטייונג־צושטאַנד, נעמט אַרום אַ נישט איבערזעבאַרע מאַנגע פון איינצעלפּראָבלעמען און שטעלט דעם אויספאָרשער אומצייליקע, אין דער הײַנטיקער צייט נאָך נישט אינגאַנצן אָפּגעטיילטע פון זיך, אויפגאַבן. די בלויזע גרופּירונג פון די פאַרשידענע פאָרמען פון מאַסן אַנטשטייונג, און די באַשרייבונג פון די דורך זיי פּסיכישע פענאָמענס פאָדערן אַ געוואַלטיקע באַאָבאַכטונג און אויספירלעכע באַשרייבונג, און זיי האָבן שוין געשאַפן אַ רייכע ליטעראַטור וועגן דעם ענין. דער וואָס וועט פאַרגלייכן דאָס דאָזיקע קליינע ביכעלע צו דעם פאַרנעם פון דער מאַסן־פּסיכאָלאָגיע, וועט באַלד באַשטיין, אַז דאָ וועלן באַהאַנדלט ווערן נאָר עטלעכע פּונקטן פון דעם גאַנצן מאַטעריאַל. און אין אמתן, דאָ וועלן אַנאַליזירט ווערן איינציקע פראַגן, צו וועלכע די אויספאָרשונג איבער דער טיפקייט פון פּסיכאָ־אַנאַליז ווייזט אַרויס אַ באַזונדערן אינטערעס.

1) סטאַדע אינסטינקט.

2) גרופּן־געדאַנק.

II

לע באָנס שילדערונג פון דער מאסן־נשמה.

אַנשטאָט דער דעפיניציע פון מאַסן־נשמה זעט מיר אויס אַלס צוועקמעסיקער אָנצוהייבן פון אנווייזונגען אויף אירע דער־שיינונגען און פון זיי אַרויסצונעמען איינ׳ע באַזונדערס אויפ־פאַלנדיקע און כאַראַקטעריסטישע פאַקטן, ביי וועלכע מ׳קען אָנהייבן די אויספאָרשונג. מיר וועלן דערגרייכן ביידע זאַכן, ברענגנדיק ציטאַטן פון דעם מיט רעכט באַרימט־געוואָרענעם בוך פון
Le Bon: Psychologie der Massen (1

לאָמיר זיך נאָך איין מאָל קלאָר מאַכן דעם מהות פונם ענין: אויב די פסיכאָלאָגיע, וואָס פאָרשט אוס די ביינונגען, טרייב־קראַפט, מאָטיוון, כוונות פון אַן איינצעלנעם מענטש ביז צו זיינע האַנדלונגען און די באַציונגען צו זיינע נאָענטסטע, וואָלט ענטגילטיק געלייזט איר אויפגאַבע און קלאָר געמאַכט די אַלע צוזאַמענהאַנגען — וואָלט זי זיך פלוצלונג געשטעלט פאַר אַ נייער אויפגאַבע, וואָס וואָלט פאַר איר געווען נישט לייזבאַר. זי וואָלט געמוזט דערקלערן דעם איבעראַשנדיקן פאַקט, וואָס

1) פאַראַן אַ דייטשע איבערזעצונג פון רודאָלף אייזלער ס. צווייטע אויפלאַגע 1912.

יער יחיד, וועלכער איז איר געוואָרן פֿאַרשטענדלעך, פילט, דענקט און האַנדלט ביי אַ באַשטימטן באַדינג גאר אַנדע׳ש ווי מ׳דאַרף פון אים דערוואַרטן, און דער דאָזיקער באַדינג איז דאָס צושטיין צו אַ מענטשן-מאַסע, וואָס האָט באַקומען די אייגנשאַפט פון אַ פסיכאָלאָגישער „מאַסע". וואָס איז, אלזא, „מאַסע", ווי אַזוי באַקומט זי די פעיקייט אַזוי אַנטשיידן באַאיינצופלוסן דאָס גייסטיקע-לעבן פון דעם יחיד, און אין וואס באַשטייט די פאַרענדערונג, וועלכע זי וואַרפט-אָן דעם יחיד?

צו ענטפערן אויף די דאָזיקע דריי פראגן, דאָס איז די אויפגאַבע פון דער טעאָרעטישער מאַסן-פסיכאָלאָגיע. מ׳וועט זיי, וואַרשיינלעך, אַמבעסטן באַגרייפן, ווען מיר וועלן גלייך אָנהייבן פון דער דריטער פראַגע. די באָבאַכטונג איבער דער פאַרענדערטער רעאַקציע פון דעם יחיד גיט מאַטעריאַל פאַר דער מאַסן-פסיכאָלאָגיע; יעדן פרוב צו דערקלערן עפעס, מוז, פאַרשטייט זיך, האָבן די באַשרייבונג פון דעם, וואָס דאַרף דערקלערט ווערן.

איך גיב, אלזא, דאס וואָרט לע באָנען. ער זאָגט (ז. 13):
„אין דער פסיכאָלאָגישער מאַסע איז אַממע-קווירדיקסטן אָט וואָס: וואָסערע עס זאָלן נישט זיין די אינדיווידואומען, פון וועלכע די מאַסע באַשטייט, ווי ענלעך אדער נישט-ענלעך ס׳זאלן נישט זיין זייער לעבנס-שטייגער, באַשעפטיקונג, כאַראַקטער אדער אינטעליגענץ, דורך זייער בלויזן פאַרוואַנדלען זיך אין אַ מאַסע באַקומען זיי אַ קאָלעקטיווע נשמה, אַ דאַנק וועלכער זיי פילן, דענקן, און האַנדלען גאָר אַנדערש, ווי יעדער איינער פון זיי וואָלט געפילט, געדענקט און געהאַנדלט זעלבסשטענדיק. ס׳זענען פאַראַן אידייען און געפילן, וואָס באַווייזן זיך אָדער פאַרוואַנדלען זיך אין טאַטן נאָר ביי אינדיווידואומען, וואָס בילדן די מאַסע. די פסיכאָלאָגיע ביי דער מאַסע איז אַ פראוויזאָריש וועזן, וואָס אַנטשטייט פון העטראַגענע 1) עלעמענטן, וואס האָבן זיך פאַרבונדן

1) פארשידנמיניקע.

אויף אַ ווײַלע, פּונקט ווי די צעלן פֿונם אָרגאַניזם בילדן דורך פֿאַרייניקונג אַ נײַ וועזן מיט גאָר אַנדערע אייגנשאַפֿטן, וואָס שיידן זיך אונטער פֿון יעדער איינצעלנער צעלע."

נעמנדיק זיך די פֿרײַהייט איבערצורײַסן לע באָנס באַשרײַבונג מיט אונזערע גלאָסאַרן, װעלן מיר דאָ באַמערקן: אויב די אינדיווידואומען אין דער מאַסע זענען פֿאַרבונדן אין איין גאַנצעס, דאַן מוז עפּעס זײַן אַזעלכעס, וואָס בינדט זיי, און דאָס דאָזיקע פֿאַרבינדונגס־מיטל קען גראָד זײַן דאָס, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער מאַסע. לע באָן גופא פֿאַרענטפֿערט נישט די דאָזיקע פֿראַגע, ער פֿאַרנעמט זיך מיט די ענדערונגען, וואָס קומען פֿאָר בײַ דעם אינדיווידואום אין דער מאַסע, און ער באַשרײַבט זי מיט די זעלבע אויסדרוקן, וואָס זענען אין פֿולן איינקלאַנג מיט די גרונט־מיינונגען פֿון אונזער פּסיכאָלאָגיע און איר טיפֿקייט.

(זײַט 14) „ס'איז לײַכט פֿעסטצושטעלן די מאָס־אונטערשיידלעכקייט פֿונם יחיד, וואָס געהערט צו דער מאַסע, ווי פֿון דעם איזאָלירטן. ס'איז אָבער נישט אַזוי לײַכט צו אַנטדעקן די סיבות פֿון דער דאָזיקער פֿאַרשידנקייט.

כּדי מ'זאָל ווי־עס־איז אויסגעפֿינען די דאָזיקע סיבות, מוז מען זיך קודם־כּל דערמאָנען איינע פֿון די באַהויפּטונגען פֿון דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע. אַז נישט נאָר אין אָרגאַנישן לעבן, נאָר אויך אין די אינטעלעקטועלע פֿונקציעס שפּילן די אומבאַוווסטזיניקע דערשײַנונגען אַן איבערוויגנדיקע ראָל. דאָס באַוווסטזיניקע גײַסטיקע לעבן איז נאָר אַ גאָר קליינער טייל פֿון דעם אומבאַוווסטזיניקן. דער פֿײַנסטער אַנאַליז, די שאַרפֿסטע באַאָבאַכטונג דערגרייכט נאָר אַ קליינע צאָל באַוווסטזיניקע מאָטיוון פֿון גײַסטיקן לעבן. אונזערע כּיונדיקע אַקטן שטאַמען אָפּ פֿון איין, באַזונדערס דורך ירושה־איינפֿלוסן געשאַפֿענעם, אומבאַוווסטזיניקן סובסטראַט. ער, דער סובסטראַט, אַנטהאַלט די אומצייליקע ירושה־שפּורן פֿון וועלכע עס קאָנסטיטואירט זיך די ראַסן־נשמה.

חוץ די אָפֿן־אָנערקענטע מאָטיוון פֿון אונזערע מעשׂים זענען, בלי ספק, פֿאַראַן געהיימע סיבות אין וועלכע מיר זענען

נישט מודה, און חוץ זיי זענען פאַראַן נאָך מער סודותדיקע וועגן וועלכע מיר ווייסן לחלוטין נישט. די מערצאָל פון אונזערע אַלטעגלעכע מעשים, איז די ווירקונג פון פאַרבאָרגענע, פאַר אונז פאַרהוילענע מאָטיוון".

אין דער מאַסע, מיינט לע באָן, ווערן פאַרווישט די אינדיווידועלע דערוועראַבונגען פון די יחידים, און דערמיט פאַרשווינדט זייער אייגנאַרטקייט. עס טרעט אויף דאָס אומבאַוווסטזיניקע, ראַסנמעסיקע, דאָס העטעראָגענע פאַרזינקט אין דעם האָמאָגענעם 1). מיר וועלן זאָגן, אז דער פסיכישער צוגעבוי, וואָס דאָט זיך ביי דעם יחיד אַזוי פאַרשידנאַרטיק אַנטוויקלט, ווערט אָפּגעטראָגן, אָפּגעשוואַכט, און ביי אַלע ווערט אַנטפּלעקט אַגלייכאַרטיקער אומבאַוווסטזיניקער פונדאַמענט.

אַזוי אַרום וואָלט צושטאַנד געקומען אַ דורכשניטלעכע כאַראַקטעריסטיק פון די מאַסן־יחידים. אָבער לע באָן גופא געפינט אַיין, אַז זיי ווייזן אויך אַרויס נייע אייגנשאַפטן, וועלכע זיי האָבן ביז אַהער נישט פאַרמאָגט. און ער זוכט זייער סיבה אין דריי פאַרשידענע מאָמענטן.

(ז. 15) „די ערשטע פון די דאָזיקע סיבות באַשטייט אין דעם, וואָס דער אינדיווידואום אין דער מאַסע באַקומט בלויז אַ דאַנק דער גרויסער חברותה אַ געפיל פון אומבאַזיגבאַרע מאַכט, וואָס דערלויבט אים נאָכצוגעבן אַ זעלכע נייגונגען, וועלכע ער וואָלט אַליין געצוימט אַלס יחיד. ער טוט דאָס אַלץ ווייניקער (אין דער מאַסע), ווייל צוליב דער אַנאָנימקייט און אומפאַראַנטוואָרטליכקייט — געפיל פון דער מאַסע פאַרשווינדט אינגאַנצן דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט־געפיל פון דעם יחיד, וואָס האַלט אים שטענדיק איין".

פון אונזער שטאַנדפּונקט דאַרפן מיר לייגן ווייניק אַכט אויף דאָס באַווייזן זיך פון נייע אייגנשאַפטן. ס'וועט פאַר אונז גענוג זיין צו זאָגן, אַז דער יחיד אין דער מאַסע געפינט זיך

1) איינמיניק.

אין אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס דערלויבן אים אָפּצוּוואַרפן דאָס אַרויסשטויסן ווערן פון זיינע אומבאַוווסטזיניקע נייגונגען. די כלומרשט נייע איינגעשאַפטן, וואָס ער ווייזט דאַמאָלט אַרויס, זענען טאַקע דערשיינונגען פון דעם אומבאַוווסטזיניקן, און וועלכן ס׳ליגט דאָס גאַנצע שלעכטס פון דער מענטשן-נשמה; ס׳איז פאַר אונדז נישט שווער צו פאַרשטיין דאָס פאַרשווינדן ווערן פון געוויסן אָדער פאַראַנטוואָרטלעכקייט געפיל ביי אַזעלכע פאַלן. מיר האָבן שוין פון לאַנג געהאַלטן, אַז דער קערן פון דעם אַזוי גערופענעם געוויסן איז די „סאָציאַלע שרעק״ 1)

„די צווייטע סיבה, די אָנשטעקונג, איז גורם דאָס אַרויסוואַקסן פון ספּעציעלע סימנים אין דער מאַסע און גלייכצייטיק באַשטימען זייער ריכטונג.

„די אָנשטעקונג איז לייכט צו קאָנסטאַטירן, אָבער זי בלייבט אַן אומדערקלערלעכע דערשיינונג, וועלכע מען מוז צו־רעכענען צו די דערשיינונגען פון היפּנאָטישן אַרט, וועלכע מיר וועלן באַלד אויספאָרשן. אין דער מענגע איז יעדער געפיל, יעדע האַנדלונג אָנשטעקנדיק. און טאַקע אין אַזאַ הויכן גראַד, אַז דעם אינדיווידואום איז זייער לייכט מקריב זיין פּאַרזענלעכן אינטערעס פאַר דעם כלל־אינטערעס. דאָס איז אַ פעיקייט, וואָס איז דורכ-

---

1) ס׳אַנטשטייט אַ געוויסער אונטערשייד צווישן לע באָנס אָנ-שוינגען און אונדזערע דערפאַר, ווייל זיין באַגריף פון דעם אומבאַוווסטזיניקן דעקט זיך נישט אינגאַנצן מיט דעם באַגריף, וואָס איז אָנגענומען אין דעם פּסי-כאָאַנאַליז. לע באָנס אומבאַוווסטזיניקע אַנטהאַלט קודם-כל די טיפּסטע סימנים פון דער ראַסן-נשמה, וואָס קומען אייגנטלעך נישט אין באַטראַכט אין דעם אינדיווידועלן פּסיכאָאַנאַליז. הגם מיר לייקענען נישט אָפּ, אַז דער קערן פונם איך (דאָס „עס״ ווי איך האָב עס שפּעטער אָנגערופן), צו וועמען עס געהערט די „אַרכאַאישע ירושה־דיקייט״ פון דער מענטשן-נשמה, איז אומבאַ-וואוסטזיניק, אָבער חוץ דעם גרענעצן מיר אָפּ דאָס „אומבאַוואוסטזיניקע אַרויס-געשטויסענע״, וועלכעס שטאַמט אָפּ פון איין טייל פון דער דאָזיקער ירושהדי-קייט. אַט דער באַגריף פון אַרויסגעשטויסענעם פעלט ביי לע באָנען.

אויס אין סתירה צו זיין נאַטור. און דער מענטש איז פעיק אויף דעם, נאָר אלס אַ באַשטאַנד-טייל פון דער מאַסע".

שפעטער אביסל וועלן מיר, שטיצנדיק זיך אויף דעם לעצטן זאַץ, באגרינדן אַ וויכטיקע השערה.

„די דריטע, און דערביי זייער וויכטיקסטע סיבה, רופט אַרויס אין די אינדיווידואומען ביי דער מאַסע באַזונדערע אייגנ-שאַפטן, וועלכע מ'קען נישט באגעגנען ביי דעם איזאָלירטן יחיד. איך רעד דאָ פון דער סוגעסטיאָנירבארקייט, פון וועלכער די אנשטעקונג, וועגן וועלכער מיר האָבן נאָר-וואָס גערעדט, איז, איבעריקנס, אַ פועל-יוצא.

כדי צו פאַרשטיין די דאָזיקע דערשיינונג, וועלן מיר דער-מאָנען געוויסע אנטדעקונגען אין דער פיזאָלאָגיע. מיר ווייסן היינט, אַז מיט דער הילף פון פילפאַכיקע פּראָצעדורן קען דער מענטש אַריינקומען אין אזא צושטאנד, אַז ער, פאַרלירנדיק זיין גאַנצע באוווסטזיניקע פערזענלעכקייט, געהאָרכט אַלע סוגעסטיעס פון יענעם, וועלכער האָט אים בארויבט זיין באַוווסטזיין, און אז ער טוט אַזעלכע מעשים, וואָס זענען אין דער שאַרפסטער סתירה צו זיין כאראקטער און געוויינהייטן. זאָרגפעלטיקע באַאָבאכטונגען ווייזן אָבער אָן, אז אַ יחיד, אָפזייענדיק א געוויסע צייט צווישן אַ טעטיקער מאַסע, געפינט זיך — אַ דאַנק אויסשטראַמונגען, וואָס גייען פון איר ארויס אדער צוליב אַן אומבאַקאַנטער סיבה — אין אזאַ אויסטערלישן צושטאַנד, וואָס איז אזוי נאָענט צום דעם צושטאַנט, וואָס באפאַלט דעם היפנאָטיזירטן אונטערן איינפלוס פון דעם היפנאָטיזירער... די באַוווסטזיניקע פערזענלעכקייט איז פולשטענדיק פארשווינדן, אלע, געפילן און געדאנקן אָריענטירן זיך אין דער ריכטונג פון דעם היפנאָטיזירער.

אזוי אומגעפער איז דער צושטאַנד פון דעם יחיד אין דער פסיכאָלאָגישער מאַסע. ער איז אויך נישט באַוווסטזיניק אין זיינע טאַטן. פונקט ווי ביים היפנאטיזירטן קענען, אין דער זעלבער צייט ווען ס'פארשווינדן ביי אים געוויסע פעיקייטן, קומען אנדערע אויף זייער ארט אין אַ גראַד פון העכסטע שטארקייט. אונטערן איינפלוס פון סוגעסטיע וועט ער מיט אן עקשנותדיקער נייגונג

באגיין באשטימטע טאטן. און דער דאָזיקער שטורם איז ביי די מאסן נאָך עקשנותדיקער ווי ביי דעם היפנאָטיזירטן, ווייל די סוגעסטיע, וואָס איז גלייך פאַר אַלע אינדיווידואומען, ווערט פאַרגרעסערט צוליב דער קעגנזייטיקייט".

די הויפט סימנים פון דעם יחיד אין דער מאסע זענען אַלזא: דאָס פארשווונדן ווערן פון דער באוווּסטזיניקער פערזענלעכקייט, אויבערהערשאפט פון דער אומבאוווּסטזיניקער פערזענלעכקייט, אריענטירונג פון די געדאנקן און געפילן אין דער זעלבער ריכטונג דורך סוגעסטיע און אַנשטעקונג, טענדענץ צו באלדיקער פארווירקלעכונג פון די סוגעסטיאָנירטע אידייען. דער אינדיווידואום עקזיסטירט שוין נישט מער פאר זיך, ער איז געוואָרן א ווילנלאָזער אויטאָמאט".

איך האָב אויספירלעך געבראכט דעם דאָזיקן ציטאט, כדי צו באקרעפטיקן דעם געדאנק, אז לע באָן דערקלערט דעם צושטאַנד פונם יחיד אין דער מאַסע אלס אַ היפנאָטישן, און נישט ער פארגלייכט אים בלויז. מיר האָבן נישט דאָ קיין כוונה צו דערווידערן, מיר ווילן נאָר אונטערשטרייכן, אז די ביידע לעצטע סיבות פון דער פארענדערונג ביים יחיד אין דער מאסע, די אַנשטעקונג און די העכערע סוגעסטאָנירבאַרקייט, זענען וואַרשיינלעך נישט גלייכארטיק, ווען אפילו די אַנשטעקונג זאָל אויך זיין אַ דערשיינונג פון סוגעסטיאָניבארקייט. אויך די ווירקונגען פון ביידע מאָמענטן ווייזן אונז אויס אַלס נישט שאַרף פאַנאַנדערגעגרענצט ביי לע באָנ'ען. מעגלעך, אַז מיר וועלן אַמבעסטן אויסטייטשן זיין מיינונג, אויב מיר וועלן פאַררעכנען די אַנטשטייונג אויפן חשבון פון דער ווירקונג, וואָס די איינצעלנע מיטגלידער איבן איינער אויפן צווייטן. בעת די סוגעסטיאָנירטע דערשיינונגען אין דער מאַסע, וואָס זענען פארבינדן מיט דעם היפנאָטישן באאיינפלוסטווערן, ווייזן אָן אויף אן אנדערע קוועלע. אויף וועלכע? עס מוז אונז אלס אַן עמפינדלעכע נישט-פולקאמענהייטן אָרן דאָס, וואָס איינער פון די הויפט-באַשטאנד-טיילן פון דער דאָזיקער ווירקונג, נעמלעך די פערזאָן, וועלכע איז פאר דער מאַסע דער היפנאָטיזירער, איז גאָרנישט דערמאָנט אין לע באָנס באַשרייי-

זונג. ער אונטערשיידט נאָר פון דעם אינסטונקעל געדהאַלטענעם
אַסציבירנדיקן איינפלוס די אַנשטעקנדע ווירקונג, וואס די איינ-
צעלנע מענטשן איבן אויס איינער אויפן צווייטן, אַ דאַנק וועלכער
עס פאַרשטאַרקט זיך די אורשפּרינגלעכע סוגעסטיע.

נאָך איין וויכטיקער מאָמענט געפינט זיך ביי ל ע ב אָ נ ען כדי צו אורטיילן וועגן מאַסן-יחיד: (ז. 17)

„כסדר גייט דער מענטש אראָפּ אַלץ נידריקער
און נידריקער אויף די שטאַפּלען פון דער ציוויליזאַציע-לייטער און דאָס אַלץ אַ דאַנק דער בלויזער
צוגעהעריקייט צו אן אָרגאַניזירטער מאַסע".

אין זיין איזאלירטקייט איז ער, קען זיין, גצוועזן געבילדעטער יחיד, אין דער מאסע אָבער איז ער אַ באַרבאַר, ד.ה. אַן אינסטינקטיווער וועזן. ער פאַרמאָגט די ספּאָנטאַנישקייט, די העפטיקייט, די ווילדקייט און אויך דעם ענטוזיאזם און הערא-איזם פון פרימיטיווע וועזנס".

באַזונדערס שטעלט זיך ל ע ב אָ ן אָפּ אויף דעם נידריקן ניוואָ פון דער אינטעלעקטועלער לייסטונג „וואָס דער יחיד ליידט אַ דאַנק זיין צוגעהעריקייט צו דער מאַסע". 1)

לאָזן מיר איבער דעם איינצעלנעם און לאמיר איבערגיין צו דער באשרייבונג פון דער מאַסן-נשמה, ווי ל ע ב אָ ן שילדערט זי: אין דער היגזיכט איז נישט פאראַן קיין איין שטריך, וועמעס אפשטאמונג ס'זאָל פאַרשטעלן מיט זיך עפעס אַ שווערקייט פארן

---

1) פאַרגלייך שילערס צוויי פערז.

Jeder, sieht man ihm einzeln, ist leidlich klug und verständig.

Sind sie in corpore, gleich wird euch ein Dumkopf heraus.

פסיכאָאנאַליטיקער. לע באָן גופא ווייזט אונז דעם וועג, אנווייזנ־דיק אויף דעם איינקלאַנג צווישן דעם נשמה־לעבן פון די פרי־מיטיווע מענטשן און קינדער.

(ז. 19) די מאַסע איז אימפּולסיוו: פאַרענדערלעך און רייצבאַר. זי לאָזט זיך אויסשליסלעך פירן פון דעם אומבאַוווסטזיניקן [1] די אימפּולסן, וועלכע די מאַסע האָרכט, קענען, לויט די אומשטענדן, זיין איידל אָדער גרויזאַם, העראָישע אָדער פּחדנותדיקע, יעדנפאַלס אָבער זענען זיי באַפעלעריש, אזוי אַז עס קומט נישט צום אויס־דרוק נישט דאָס פערזענלעכע און נישט אפילו דער אינטערעס פון זעלבסט־דערהאַלטונג. קיין שום זאך איז ביי דער מאסע פאָרויס נישט באַרעכנט. ווען זי וויל עפּעס ליידנשאַפטלעך, גע־דויערט עס אָבער נישט לאנג. זי איז נישט פעיק אויף אַ דויער־האַפטיקן ווילן, זי ליידט נישט קיין נדחה צווישן אירע באַגערן און זייער פאַרווירקלעכונג. זי האָט דאָס געפיל פון אַלמעכטיקייט; פאַר דעם אינדיווידואום אין דער מאַסע פאַרשווינדט דער באַגריף פון אוממעגלעכן״.(2)

די מאַסע איז אויסערגעוויינלעך באַאיינפלוסבאַר און לייכט־גלויביק, זי איז קריטיקלאָז, דאָס אומוואַרשיינלעכע עקזיסטירט נישט פאַר איר. זי דענקט אין בילדער, וואָס זי רופט ארויס אין אַסאָ־ציאַציע, פונקט ווי ביי דעם יחיד אין אַ צושטאַנד פון פרייער פאַנטאַזיע, און וועלכע קענען נישט געמאסטן ווערן דורך קיין שום פאַרנונפטיקער אינסטאַנץ אין אנאלאָגיע מיט דער ווירקלעכ־קייט. די געפילן פון דער מאַסע זענען שטענדיק זייער פשוטע און

---

1) דאס אומבאוווסטזיניקע ווערט ריכטיק געברויכט דורך לע באנען אין זין פון דער באשרייבונג, דארט ווו עס באטייט נישט בלויז „ארויסשטויסונג״.

2) פארגלייך מיין ווערק „טאטעם און טאבו״, III, אנימיזמוס, מאגיע און אלמעכטיקייט פון די געדאנקען.

איבערגעטריבן. די מאסע ווייסט נישט פון קיין צווייפל און נישט־זיכערקייט. 1)

זי גייט באלט איבער צום דירעקטן, דער אויסגעשפראכע־נער חשד פארוואנדלט זיך ביי איר אין אן אומבאדינגטע זיכערקייט, א זאמען פון אנטיפאטיע ווערט ביי איר ווילדער האס. (ז. 32 ב')

---

1) אין דער אויסטייטשונג פון חלומות, וועלכע מיר האבן צו פאר־דאנקן אונזערע בעסטע ידיעות פונם אומבאוואוסטזיניקן נשמה-לעבן, גייען מיר נאך דעם טעכנישן כלל, לויט וועלכן מיר לייגן נישט קיין אכט אויף דעם צווייפל און נישט זיכערקייט אין דער דערציילונג וועגן חלום, און יעדער עלע־מענט פון דעם באשיינפערלעכן חלום ווערט גליין באהאנדלט אלס גלויבלעך דעם צווייפל און נישט זיכערקייט בארעכענען מיר אויפן חשבון פון דער צענ־זור, אונטער וועלכער ס'ליגט אונטער די ווערבונג פונם חלום און נעמען אן, אז די אורשפרינגלעכע חלומות-געדאנקן ווייסן נישט פון צווייפל און נישט זיכער־הייט, ווי ס'איז אין פאל מיט א קריטישער ארבעט.

2) אלס אינהאלט קענען זיי, פארשטענדלעך, ווי אלע אנדערע, פארקומען אין די טאגרעשטלעך, וואס פירן צו די חלומות. (זע „Traumdeutung", 1919 5. Aufl. די זעלבע העכערונג פון אלע געפילס-נייגונגען צום עקסטרעמען און מאסלאזן איז אויך כאראקטעריסטיש פאר דער אביעקטיווקייט פון א קינד' זי חזרט זיך איבער אין חלום-לעבן, ווי א דאנק דער הערשנדיקער און אומבא־וואוסטזיניקר איזאלירונג פון איינצעלנע געפילס-נייגונגען קומט צום אויסדרוק א לייכטער פארדראס פון בייטאג און א ווינטש צום טויט פאר דער שולדיקער פערזאן, אדער אין א רמז אויף עפעס א פרווו, וואס פארוואנדלט אין א סיבה פון א פארברעכערישער טאט. וואס ווערט פארגעשטעלט אין חלום. צו דעם ראזיקן פאקט האט ד״ר האנס זאקס געמאכט אן אויסגעצייכנטע באמער־קונג: דאס וואס דער חלום האט אונז מודיע געווען וועגן אונזער קעגנזייטיקע באציאונגען מיט דער אקטועלער ווירקלעכקייט, ווילן מיר אויך אפזוכן אינם בא־וואוסטזיין, אין מיר ג·· ווע דאס אומגעהויער, גוואלטיקע, וואס מיר האבן געזען אינטערן פארגרעסער-גלאז פון אנאליז, אין דער פארם פון איגפוזיארן (זע Traumdeutung).

נעפייגט צו אלע עקסטרעמקייטן, ווערט די מאסע אויפגע־רעגט נאר דורך איסערגעוויינלעכע רייצמיטלען, ווער עס וויל אויף איר ווירקן, באדארף נישט קיין לאָגישע אפשאצונג פון זיינע אַרגומענטן, ער מוז מאלן אין די שטאַרקסטע פארבן, איבערטרייבן און איבערחזרן אייגס און דאס זעלבע.

אזוי ווי די מאַסע איז נישט מסופק וואָס שייך דעם אמתן און פאלשן, און דערביי האָט זי דאס באוווסטזיין פון איר גרוי־סער קראַפט, איז זי פונקט אזוי נישט טאָלעראַנט ווי נישט אוי־טאָריטעטיש. זי רעספעקטירט די קראַפט און לאָזט זיך קנאַפ באאיינפלוסן פון דער גוטסקייט, וואָס איז פאר איר בלויז אמין שוואַכ־קייט. פון אירע העלדן פארלאנגט זי שטאַרקייט, געוואַלטטאַטן. זי וויל זיין באהערשט און אונטערדריקט, און האָט מורא פאר איר באַלעבאָס. אין גרונט גענומען איז זי דורכאויס קאָנסערוואַטיוו, זי פילט א טיפע פאראַכטונג צו אלע נייאיקייטן און פאָר־שריטן און האָט אַן אומבאַגרעניצטן יראת־הכבוד פאר דער טראַ־דיציע (ז. 37).

כדי ריכטיק צו אורטיילן וועגן דער זיטלעכקייט פון די מאַסן, מוז מען נעמען אין באַטראַכט, אז אין דעם צוזאַמענ־לעבן פון די מאסן־אינדיווידואומען פאלן אוועק אלע אינדיווידו־עלע שטערונגען, און אלע גרויזאַמע, ברוטאַלע, דעסטרוקטיווע אינסטינקטן, וואָס שלומערן אין דעם יחיד אלס איבערבלייב פון דער אורצייט, ווערן געוועקט צו א פרייער באַפרידיקונג פון אלע נייגונגען. די מאַסן זענען אבער אויך פעיק, אונטערן איינפלוס פון סוגעסטיע, אויף הויכע לייסטונגען פון אָפזאָגן זיך, אויף אומ־אייגננוציקייט און אָפגעבן זיך פאר אַן אידעאַל. בעת די פער־זענלעכע באַקוועמלעכקייט איז ביים איזאלירטן יחיד די איינציקע טרייבקראַפט, איז זי ביי די מאסן זעלטן ארויסצווזעען. מען קען רעדן וועגן אפאריזיטלעכונג פונם יחיד דורך דער מאַסע (ז. 39).
בעת די אינטעלעקטועלע לייסטונג פון דער מאַסע שטייט שטענ־דיק נידריקער פאר דער לייסטונג פונם יחיד, קען איר עטישע אויפפירונג אדער שטיין העכער, אָדער טיף אראָפפאַלן.

אנדערע שטריכן פון לע־באָנס כאראַקטעריסטיק ווארפן

א העליש פייערל אויף דער באַרעכטיקונג צו אידענטיפיצירן
די מאַסן-נשמה מיט דער נשמה פון די פרימיטיווע מענטשן.
ביי די מאַסן קענען זיך ניט פאַרהאַלטן די קעגנזעצלעכע אי-
דייען, אָן דעם אז עס זאָל פאַרקומען אַ קאנפליט פון דער
לאָגישער סתירה. דאָס זעלבע איז אויך דער פאַל אינם אומ-
באוווסטזיניקן לעבן פון דעם יחיד, קינדער און נעוראַטיקער,
ווי דער פסיכאָאנאַליז האָט עס שוין פון לאנג דערוויזן 1)

1)ביים קליינעם קינד, למשל, עקזיסטירן אמביוואלענטע געפילס-אייג-
שטעלונגען צו זיין נאענטסטער פערזאן אין משך פון א לאנגער צייט, אן
דעם, אז איינער פון זיי זאל שטערן יענער דערשיינונג וואס איז איר קעגנ-
זעצלעך. אויב עס קומט צו א קאנפליקט צווישן די ביידע, ווערט עס אפט
דערליידיקט אזוי, אז דאס קינד בייט דעם אביעקט, איבערוקנדיק איינע פון די
אמביוואלענטע נייגונגען אויף דעם ערזאץ-אביעקט. אויך פון דער אנטוויק-
לונגס-געשיכטע פון דעם נעוראז ביי א דערוואקסענעם קען מען זעען, אז אן
אונטערדריקטע נייגונג באגייסטערט אפט אין פארלויף פון א לאנגער צייט און
באוואוסטזיניקער אדער אפילו באוואוסטזיניקע פאנטאזיעס, וועמענס אינהאלט
נאטירלעך, איז דירעקט סותר דער הערשנדיקער שטרעבונג, אן דעם, אז עס זאל
פון דער דאזיקער סתירה אנטשטיין א פראטעסט פונם „איך" קעגן דעם, וואס
ער ווארפט אפ. די פאנטאזיע ווערט א געוויסע צייט טאלערירט, ביז דער
קאנפליקט צווישן איר און דעם „איך" ברעכט אויס מיט אמאל, — געוויינלעך
צוליב דער העכערונג פון אביעקטיוון צושטאנד — מיט אלע זיינע פאלגן.

בעתן פארשריט פונם קינדס אנטוויקלונג צו דער רייפער דערוואקסנקייט,
קומט עס וואס אמאל מער צו דער אלץ-זיך פארשפרייטנדיקער אינטעגרירונג
פון דער פערזענלעכקייט, קומט עס צו א פארייניקונג פון די איינצעלנע נייגונגען
און ציל-שטרעבונגען, אומאפהענגיק איינער פון די אנדערע. דער אנאלאגישער
פראצעס אויפן געביט פון סעקסועלן לעבן, איז אונז שוין לאנג באקאנט אלס
באנייאונג פון אלע סעקסועלע נייגונגען אין אן ענטגילטיקער געניטאל ארגא-
ניזאציע (Drei Abhandlungen zur zetualterrie, 1905) איבריקנס, די
פאראייניטלעכונג פון דעם „איך" ווי עס ווייזן פילפאכע, זייער באקאנטע
ביישפילן, קען נישט געלונגען, ווי די פאראייניקונג פון ליבידא דער ביי-

ווייטער ליגט די מאַסע אונטער דער אמת-כשופדיקער מאַכט פון ווערטער, וואָס קענען ארויסרופן אין דער מאַסן-נשמה די מוראדיקסטע שטורמען און קענען זיי אויך באַרו-איקן (ז. 74). „מיט שכל און אַרגומענטן קען מען קעגן גע-וויסע ווערטער און פאָרמען נישט קעמפן. זיי ווערן ארויסגע-רעדט פאַר דער מאסע מיט ערפורכט, און באַלט ווערט דער אויסדרוק פון די פנימער רעספּעקטפול און די קעפּ לאָזן זיך אַראָפּ. אַ סך האַלטן זיי פאַר נאטור-כוחות, אָדער איבערנאטיר-לעכע כוחות" (ז. 75). „מ'דאַרף זיך נאָר דערמאַנען אין דעם טאַבו פון די נעמען ביי די פרימיטיווע פעלקער, און די מאַגישע כ׳חות, וואָס זיי פאַרבינדן מיט די נעמען און ווערטער". 1)

און ענדלעך: די מאַסן האָבן קיינמאל נישט געהאַט דעם דורשט נאָך אמת. זיי פאָדערן אילוזיעס פון וועלכע זיי קענען זיך נישט אָפּזאָגן. דאָס נישט רעאַלע האָט ביי זיי שטענדיק די בכורהשאַפט צום רעאַלן, דאָס נישטווירקלעכע באַאיינפלוסט זיי כמעט אזוי שנעל ווי דאָס ווירקלעכע. זיי האבן די בולטע טענדענץ נישט צו מאַכן קיין חשבון צווישן דיביידע.

אָט דער פאָרצוג פונם פאַנטאַזיע-לעבן און דער אילוזיע, וואָס איז נישט מקוים געוואָרן איז, ווי מיר האָבן דאָס בע-וויזן, אַ באשטימענדיקער יסוד פאַר דער פסיכאָלאָגיע פון די נעווראָזן. מיר האָבן איינגעזען, אַז פאַר די נעוואראָטיקער גילט נישט די געוויינלעכע אָביעקטיווע רעאַליטעט, נאָר די פסיכי-שע רעאַליטעט. אַ היסטערישער סימפּטאָם שטיצט זיך אויף דער פאַנטאַזיע אנשטאט אויף דער איבערחזרונג פון דעם ווירקלעכן

שפּיל זענען די נאטור-פארשער, וואס גלויבן נאך אלץ אין דער ביבל. די פאר-שידענע מעגלעכקייטן פון א שפּעטערן ציפאל פון איך, זענען א בעזונדער קא-פּיטל פון דער פּסיכאפּאטאלאגיע.

1) „Totem und Tabu".

איבערגעלעבטן ; א צוואַנגס-נעווראָטישע שולד-באַוווּסטזיין שטיצט זיך אויף דעם פאַקט פון אַ בייזער כוונה, וואָס איז קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן, פונקט ווי אין חלום און אין היפּנאָז, אזוי אויך אין דער נשמה-טעטיקייט פון דער מאַסע טרעט אָפּ דער פּרינציפּ פון רעאַליטעט פאַר דער שטאַרקייט פון די אַפעקטיוו באַזעסענע ווונטשן.

דאָס, וואָס לע באָן זאָגט וועגן די פירער פון דער מאַסע, איז ווייניקער אויסשעפּנדיק און ס׳לאָזט זיך נישט אָנטאַפּן אזוי דייטלעך דאָס רעגלמעסיקע. ער מיינט, אַז ווי נאָר לעבעדיקע וועזנס פון אַ געוויסער צאָל פאַרייניקן זיך, נישט קיין נפקא-מינה צי אַ סטאַדע בהמות אדער אַ מענטשן-מאַסע, אזוי שטעלן זיי זיך אינסטינקטיוו אונטער דער אויטאָריטעט פון איין הויפּט-אָנפירער (ז. 86). די מאַסע איז אַ געהאָרכזאַמע סטאַדע, וואָס קען קיינמאָל נישט לעבן אָן אַ באַלעבאָס. זי האָט אזאַ דורשט צום האָרכן, אַז זי וואַרפט זיך אונטער יעדן איינעם, וואָס מאַכט זיך פאַר איר מושל.

אויב די מאַסע פילט אַ באַדערפעניש אין אַ פירער, מוז דער פירער באַזיצן אנטשפּרעכנדיקע פּערזענלעכע אייגנשאַפטן. ער גופא מוז שטאַרק גלויבן (אין אַן אידיי), כּדי צו דערוועקן דעם גלויבן ביי די מאַסן, ער מוז האָבן אַ שטאַרקן, אימפּאָנירדיקן ווי׳ן, וועלכן די ווילנלאָזע מאַסע נעמט איבער פון אים. לע באָן רעדט דאַן ארום די פאַרשידענע מינים פירער און די מיטלען, מיט וועלכע זיי ווירקן אויף דער מאַסע. אין גאַנצן האַלט ער, אַז די פירער באַקומען אַ באַטייט אַ דאַנק די אידייען, פאַר וועלכע זיי האָבן פאַנטאַזירט.

די דאָזיקע אידייען, ווי אויך די פירער, שרייבט ער צו דעם געהיימניספולן, אומבאַזיגבאַרן כח, וועלכן ער רופט אָן, „פּרעסטיזש”. דער פּרעסטיזש איז אַ מין הערשאַפט, וואָס אַן אינדיווידואום, אַ ווערק אָדער אַן אידיי איבט אויס אויף אונז. ער שוואַכט אָפּ אַלע אונזערע פעיקייטן צו קריטיק און פילט אונז אָן מיט באַוווּנדערונג און אַכטונג, ער דאַרף ארויס-

רופן, אַ געפיל וואָס איז ענלעך צו דער היפּנאָטישער פאַר-בלענדונג.

לעבאָן שיידט אונטער צווישן דערוואַרבענעם אדער קינסטלעכן און פּערזענלעכן פּרעסטיזש. דער ערשטער באַקומט זיך דורך אַ שם, רייכטום, אָנזען: ביי קינסטלערישע און ליטע-ראַרישע ווערק ווערט ער געשאַפן דורך טראַדיציע. אזוי ווי אין אַלע פאַלן האָט ער זיין שורש אינם עבר, דעריבער גיט ער ווייניק כּדי צו פאַרשטיין דעם דאָזיקן רעטנישהאַפטן איינ-פלוס. דעם פּערזענלעכן פּרעסטיזש פאַרמאָגן זער ווייניק פּער-זאָנען, וואָס ווערן דורך דעם זעלבן די פירער, און וואָס דאָס איז גורם, אז אַלע וואַרפן זיך אים אונטער, ווי אונטער דער ווירקונג פון א מאַגנעטישן צויבער. פונדעסטוועגן איז יעדער פּרעסטיזש אויך אָפּהענגיק פונם דערפאָלג, און ער ווערט פאַר-לוירן צוליב אומדערפאָלג.

מיר באַקומען אָבער נישט דעם איינדרוק, אַז די ראָל פון די פירער און דאָס אונטערשטרייכן פונם פּרעסטיזש זאָל ביי לעבאָנען זיך געפינען אין ריכטיקן איינקלאַנג מיט דער אזוי גלענצנדיקער שילדערונג פון דער מאַסן-נשמה.

III

אנדערע אפשאצונגען פונם קאלעקטיוון נשמה-לעבן.

מיר האָבן זיך באַנוצט מיט לע באָנס דערקלערונג אַלס אריינפיר, ווייל זי גייט זיך זייער צענויף אין דער אונטער-שטרייכונג פון דעם אומבאוווסטזיניקן נשמה-לעבן מיט אונזער אייגענער פסיכאָלאָגיע. מיר מוזן אבער צוגעבן, אז אייגנטלעך ברענגט קיין איינע פון דעם דאָזיקן מחבּרס באַהויפּטונגען נישט אריין קיין שום נייעס, דאס באלײדיקטע און דערנידע-ריקטע, וואס ער האָט געזאָגט וועגן דער מאסן-נשמה, איז שוין פאַר אים פונקט אזוי באשטימט און אזוי פיינטלעך געזאָגט גע-ווארן און ווערט זינט די עלטסטע צייטן איבערגעחזרט אין די ליטעראַטורן דורך דענקער, מלוכה-מענער און דיכטער 1)

די צוויי זאכן, וועלכע אנטהאַלטן לע באָנס וויכטיקסטע אנשוויונגען: די קאָלעקטיווע שטערונג פון אינטעלעקטוע-לע לייסטונגען און די העכערונג פון דער אַפעקטיווקייט אין דער מאַסע, זענען אַביסל פריער פאָרמולירט געוואָרן דורך

---

1) פארגלייך דעם טעקסט און ליטעראטור-צעטל אין דער Psichologie der kollektiivtäten von B. Krakówski, jun. Aus dem Kroatishen ubersetzt von Sigmund von Posavec ,Yiecovar 1915

Sighell 1), אין גרונט בלייבן אייגנטימלעך נאר לע באָנס ביידע אנשויונגען וועגן דעם אומבאוווסטזיניקן און דער פערגלייך מיט דעם נשמה-לעבן פון די פרימיטיווע מענטשן: אָבער אויך זיי זענען, נאַטירלעך, אָפט באַרירט געוואָרן פאַר אים.

און נאָך מער: די באַשרייבונג און אָפּשאַצונג פון דער מאַסן-נשמה, ווי לע באָן און די אנדערע שילדערן זי, איז אויך בשום אופן נישט געבליבן נישט אנגעגריפן. ס'איז קיין ספק נישט, אַז די אַלע פריער באַשריבענע דערשיינונגען פון דער מאַסן-נשמה, זענען ריכטיק באָבאַכטעט געווארן, אבער עס לאָזן זיך אויך באַמערקן די דיאמעטרעל קעגנזעצלעך-ווירקנדיקע דערשיינונגען פון דער מאַסע-אנטשטייונג, לויט וועלכע מ'קען געבן אַהעכערע אָפּשאַצונג פון דער מאַסן-נשמה.

אויך לע באָן איז געווען גרייט מודה צו זיין, אַז די זיטלעכקייט פון דער מאַסע קען ביי געוויסע אומשטענדן זיין העכער ווי די איזאלירטע יחידים, און אַז נאר דער קאלעקטיוו איז פעיק אויף אַ גרויסע אומאייגננוציקייט און זעלבסט-אָפּערונג.

(ז. 38), „בעת דער פערזענלעכער נוצן איז ביי דעם איזאָלירטן יחיד כמעט די איינציקע טרייב-קראַפט, קומט ער ביי די מאַסן זייער זעלטן צום אויסדרוק".

אַנדערע האַלטן, אַז איבערהויפט איז עס די געזעלשאַפט, וואס שטעלט אויף פאַר דעם איינצעלנעם די נאָרמען פון זיטלעכקייט, בעת דער יחיד בלייבט געוויינלעך אין וואָסער-עס-איז היגזיכט הינטערשטעליק פון די דאָזיקע פאָדערונגען. אָדער, אז אין אויסנאַם-צושטאַנדן איז אינם קאָלעקטיוו די דערשיינונג פון באַגייסטערונג, דאָס וואָס מאַכט מעגלעך די שענסטע מעשים פון דער מאַסע.

וואָס שייך דער אינטעלעקטועלער לייסטונג איז עס אמת, אַז די גרויסע לייזונגען פון דער דענקונגס-אַרבעט, די אַנט-דעקונגען, וואָס האָבן גורם געווען וויכטיקע פאַלן, און די

1) Walter Moede: Die Massen und Social-psychologie im kritischen überblick. Zeitschrift für pädagogische psicho-logie und experimantelle pädagogik von Neuman and Schiber. VII, 1915.

לייזונגען פון פראָבלעמען — זענען נאָר מעגלעך פאַר דעם יחיד, וואָס אַרבעט אין דער איינזאַמקייט. אָבער אויך די מאַסן-נשמה איז פעיק אויף געניאַלע גייסטיקע שאַפונגען, ווי דאָס באַווייזט קודם-כל די שפּראַך, דאַן דאָס פאָלקס-ליד, פאָלקלאָר א. א. און חוץ דעם איז אומבאַוואוסט וויפיל דער איינצעלנער דענקער און דיכטער האָט צו פאַרדאַנקן דער מאַסע, צווישן וועלכער ער לעבט און צי ער איז מער ווי דער פאַרענדיקער פון אַ גייסטיקער אַרבעט, ביי וועלכער ס'האָבן גלייכצייטיק צוגע-האָלפן אַנדערע.

רוקנדיק אויף די דאָזיקע פאַרשטענדלעכע סתירות דאַכט זיך, אַז די אַרבעט פון דער מאַסן-פּסיכאָלאָגיע בלייבט רעאַל אָן רעזולטאַט. עס איז אבער לייכט צו געפינען אַ גוטן אויס-וועג. אַלס „מאַסע” האָט מען וואַרשיינלעך אנגענומען פאַרשי-דענע פאָרמען, וואס מ'דאַרף אָפּזונדערן. די פאקטן פון Le Bon, Sighell און אַנדערע האָבן אַ שייכות צו די קורץ-לעבנדיקע מאַסן, וואָס אַנטשטייען שנעל פון פאַרשידנאַרטיקע אינדיווידו-אומען, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט אַ דאַנק אַ פאַרבייגייענדיקן אינטערעס. עס לאָזט זיך נישט פאַרלייקענען, אַז דער כאַראַק-טער פון די רעוואָלוציאָנערע מאַסן, באַזונדערס פון דער גרוי-סער פראַנצויזישער רעוואָלוציע; איז באַאיינפלוסט פון זייערע שילדערונגען די קעגנזעצלעכע באַהויפּטונגען שטאַמען פון דער אָפּשאַצונג פון יענער סטאַבילער מאַסע, אָדער פאַרגעזעלשאַפט-לעכע, אין וועלכע די מענטשן פאַרברענגען זייער לעבן, וואָס האָט זיך פאַרקערפּערט אין אָט יענע געזעלשאַפטלעכע אינסטי-טוציעס. די מאַסן פון דעם ערשטן מין געהערן אָן דעם צווייטן, אַזוי ווי די קורצע, אָבער הויכע פאַליעס — די לאַנגע כוואַ-ליעס, וואָס בילדן זיך אין די פלאַכע ערטער.

Mc Dougall, וואָס גייט אַרויס אין זיין בוך (1 „The Group mind“ פון דער זעלבער, אויבן דערמאָנטער; סתירה, געפינט

(1 נשמה פון דער מאַס Cambridge 1920

איר לייזונג אינם מאָמענט פון אָרגאַניזאַציע. אין געוויינלעכע פאַלן, זאָגט ער, האָט די מאַסע (group) בכלל קיין שום אָר־גאַניזאַציע נישט, אָבער זי איז אַזאַ, וואָס פאַרדינט נישט דעם נאָמען. אַזאַ מאַסע באַצייכנט ער אַלס המון (crowd). דאָך איז ער מודה, אַז אַ המון מענטשן קומט זיך נישט לייכט צענויף אָן דעם, אַז ס׳זאָל זיך אין אים וויניקסטנס נישט בילדן די ערשטע התחלה פון אַן אָרגאַניזאַציע, און אַז גראָד אויף די דאָזיקע איינפאַכע מאָסן קען מען לייכט דערקענען מאַנכע גרונט־פאַקטן פון דער קאָלעקטיוו־פסיכאָלאָגיע (ז. 22). כדי עס זאָל זיך פון דעם מענטשן־המון פאָרמירען עפּעס ענלעכעס צו אַ מאַסע אין פסיכאָלאָגישן זין, פאָדערט זיך דער תנאי, אַז די יחידים זאָלן האָבן מיט זיך עפּעס געמיינזאַמעס, אַ געמיינ־זאַמען אינטערעס אין אַ זאַך, אַ גלייכאַרטיק געפיל צו אַ גע־וויסער סיטואַציע און (איך וואָלט געזאָגט: צוליב דעם) אַ גע־וויסע מאָס פון פעיקייט זיך איינער דעם אַנדערן צו באַ־איינפלוסן. (Some degree of reciprocal influence between the members of the group) (s. 23) וואָס שטאַרקער ס׳זענען די דאָ־זיקע געמיינזאַמקייטן (this mental homogenity) אַלץ לייכטער פאָרמירט זיך פון דעם איינצעלנעם אַ פסיכאָלאָגישע מאַסע און אַלץ אויפפאַלנדיקער באַווייזן זיך די דעמאָנסטראַציעס פון אַ „מאַסן נשמה“.

דער מערקווירדיקסטער און צוגלייך וויכטיקסטער פענאָ־מען פון דער מאַסן־פאָרמירונג איז יענע, ביי יעדן אינדיווידו־אום, אַרויסגערופענע העכערונג פון דער אַפעקטיוויקייט (exal-tation or intensification of emotion). (ז. 24). מען מעג זאָגן, מיינט Mc Dougall, אַז אין אַנדערע באַדינגונגען קענען די אפעקטן ביי די מענטשן קיים אויסוואַקסן צו אַזעלכע הויכקייטן, ווי דאָס, אַ שטייגער, געשעט אין דער מאַסע. און עס איז דאָך אַ שטאַרק אָנגענעמער געפיל פאַר די באַטייליקטע אַזוי פריי זיך אָפּצו־געבן צו די ליידנשאַפטן און דערביי צו פאַרלירן די אינדי־ווידועלע אָפּגעגרענעצטקייט, אויסמישנדיק זיך מיט דער מאַסע. דאָס דאָזיקע „מיטגעריסן ווערן פון די איינצלנע, ווערט דורך

Mc Dougell דערקלערט דורך דעם פון אים אָנגערופענעם drinciple of direct induction of emotion by way of the primitive sympathetic response s. 25 ד. ה. דורך די שוין אונז באַקאַנטע געפיל־אָנשטעקונג. אַ פאַקט איז, אַז די באַמערקטע סימנים פון אַן אַפעקטיוון צושטאַנד זענען פעיק אַרויסצורופן ביי דעם באַאָבאַכטנדיקן דעם זעלבן אַפעקט. דער דאָזיקער אויטאָמאַטישער צוואַנג ווערט אַלץ שטאַרקער, ווען דער זעלבער אַפעקט באַמערקט זיך גלייכצייטיק ביי וואָס מער פערזאָנען. דאָ שוויגט די קריטיק פונם יחיד און לאָזט זיך פירן פון דעמזעלבן אַפעקט, דערביי אָבער העכערט ער די אויפרעגונג פון אַנדערע אינדיווידואומען, וואָס האָבן געווירקט אויף אים, און אַזוי אַרום ווערט געהעכערט די אַפעקט־אָנלאַדונג פון דעם יחיד דורך קעגנזייטיקער אינדוקציע. מען מוז מודה זיין, אַז דאָ ווירקט עפעס אַזעלכעס, ווי אַ צוואַנג, וואָס נויט נאָכצוטון די אַנדערע, כדי צו בלייבן אין איינקלאַנג מיט דעם רבים. די מגושמדיקע און פשוטע געפילן באַקומען גרעסערע שאַנסן זיך אַזוי אַרום צו פאַרברייטערן אין דער מאַסע. (ז. 39).

דער דאָזיקער מעכאַניזם פון אַפעקט־העכערונג ווערט נאָך באַגינסטיקט דורך עטלעכע איינפלוסן, וואָס קומען פון די מאַסע. די מאַסע מאַכט אויפן יחיד אַן איינדרוק פון אַ מאַכט אַן אומבאַגרענעצטע און אַ געפאַר אַן אומבאַזיגבאַרער; אויף אַ ווייל שטעלט זי זיך אויפן אָרט פון דער גאַנצער מענטשלעכער געזעלשאַפט, וועלכע איז די טרעגערין פון אויטאָריטעט, פאַר וועמעס שטראָף מען האָט מורא, צוליב וועמען מען לייגט אויף זיך אַרויף אַזוי פיל אסורים. עס איז באַשייםפערלעך געפערלעך צו זיין אין אַ סתירה מיט איר, און מ׳מיינט, אַז מ׳איז זיכערער ווען מען טוט נאָך דעם ביישפיל פון די אַרומיקע, אַלזאָ עווענטועל אפילו „מיט די וועלף צו וואָיען״. האָרכנדיק דעם נייעם אויטאָריטעט, דאַרף מען דאָס פריערדיקע „געוויסן״ אויסשליסן פון דער טעטיקייט און זיך איבערגעבן דעם חשק פון באַקומען פאַרגעניגן, וואָס ווערט מיט זיכערקייט דער־

גרייכט דורך דאָס פאַרשווינדן ווערן פון די אַלערליי פּערזאָנען. דעריבער איז בכלל נישט אַזוי אויסטערליש ווען מיר זען, אַז דער יחיד אין דער מאַסע טוט אַזעלכע זאַכן, אָדער ער רעכטפערטיקט זיי, פון וועלכע ער קערט זיך אָפּ בעת זיינע געוויינלעכע לעבנס-באַדינגונגען, און מען קען אפילו האָפן, אַז אַזוי וועלן מיר פאַרשפּרייטן אַביסל ליכט איבער דעם טונקעלן געביט, וואָס מען פאַרדעקט שטענדיק מיט דעם רעטענישהאַפטן וואָרט „סוגעסטיע".

אויך Mc Dougall איז נישט דערווידער דער מיינונג וועגן דער קאָלעקטיווער העמונג פון דער אינטעלעקטועלער טעטיקייט אין דער מאַסע (ז. 41). ער זאָגט, אַז דער מינדסטער אינטעלעקט שלעפּט אַראָפּ צו זיך דעם גרעסערן. די לעצטע ווערן געשטערט אין זייער טעטיקייט, ווייל די העכערונג פון דער אַפעקטיוויטעט שאַפט בכלל אומגינסטיקע באַדינגונגען פאַר אַ ריכטיקער גייסטיקער אַרבעט; ווייטער, ווייל די יחידים ווערן אָנגעשראָקן דורך דער מאַסע, זייער דענק-אַרבעט איז שוין נישט פריי, און ווייל ביי יעדן פון זיי האָט זיך פאַרקלענערט דער באַוואוסטזיין פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיין לייסטונג. דער אַלגעמיינער אורטייל וועגן דער פּסיכישער לייסטונג פון אַ פּשוטער „נישט אָרגאַניזירטער" מאַסע הערט זיך ביי Mc Dougall נישט פריינטלעכער ווי ביי לע באָנען. אַזאַ מאַסע איז (ז. 45): דורכאויס אויפרעגנדיק, אימפּולסיוו, ליידנשאַפטלעך, שוואַנקנדיק, נישט-קאָנזעקווענט, נישט-אַנטשלאָסן און דערביי גענייגט צום עקסטרעמסטן אין אירע האַנדלונגען; זי איז צוגענגלעך נאָר פאַר די מגושמדיקע ליידנשאַפטן און פּשוטסטע געפילן; זי איז אויסער-נעוויינלעך סוגעסטיאָנירבאַר, לייכטזיניק אין אירע אורטיילן, העפטיק אין אירע מיינונגען, אויפנאַמפעיק נאָר פאַר די איינפאַכסטע אויספירן און אַרגומענטן, לייכט צו ווערן געפירט און צו דערשיטערן א זעלבסט-באַוואוסטזיין, זעלבסטאַכטונג און פאַראַנטוואָרטלעכקייט-געפיל, אָבער גרייט דורך איר קראַפט-באַוואוסטזיין זיך צו לאָזן מיטרייסן צו אַלע שלעכטע מעשים, וואָס מיר קענען נאָר דערוואַרטן פון אַן אַבסאָלוטער און אומ-

פאַראַנטוואָרטלעכער מאַכט, זי פירט זיך גיכער אויף ווי אַ נישט-דערצויגן קינד, אָדער ווי אַ ליידנשאַפטלעכער ווילדער מענטש וואָס איז געבליבן אָן השגחה אין אַ פרעמדער פאַר אים סיטואַציע; אין ערגסטן פאַל איז איר אויפפירונג גיכער ענלעך צו דער אויפפירונג פון אַ סטאַדע ווילדע חיות, איידער פון מענטשלעכע וועזנס.

אזוי ווי Mc Dougall ברענגט אַלס קעגנזאַץ צו דעם אויבנגעשילדערטן דאָס אויפפירן זיך פון הויך-אָרגאַניזירטע מאַסן, וועלן מיר באַזונדערס זיין געשפּאַנט געוויר צו ווערן אין וואָס עס באַשטייט דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע און דורך וועלכע מאָמענטן זי ווערט געשאַפן. דער מחבר רעכנט אויס פינף פון די דאָזיקע „principal conditions“ 1) „כדי צו דערהייבן דאָס נשמה-לעבן פון דער מאַסע אויף אַ העכערן ניוואָ“.

דער ערשטער גרונט-תנאי איז אַ געוויסע מאָס פון באַשטענדיקייט אינם מעמד פון דער מאַסע. די דאָזיקע באַשטענדיקייט קען זיין אמאַטעריעלע, אָדער פאָרמעלע; די ערשטע, ווען די זעלבע פּערזאָנען פאַרבלייבן אַלענגערע צייט אין דער מאַסע, די אַנדערע, ווען אין דער מאַסע זענען פאַראַן באַשטימטע ראָלן, וואָס ווערן פאַנאַנדערגעטיילט צווישן די פאַרטרעטנדיקע פּערזאָנען אין איר.

דער צווייטער תנאי איז, אַז אינם יחיד ביי דער מאַסע זאָל זיך פאָרמירן אַ באַשטימטע פאָרשטעלונג פון די נאַטור פונקציעס און פון דער מאַסעס לייסטונגען און פאָדערונגען, כדי ס׳זאָל זיך פון דעם שאַפן אַ פאַרהעלטניש-געפיל צו דער מאַסע אַלס גאַנצעס.

דער דריטער תנאי איז, אַז די מאַסע קומט אין באַציונגען מיט אַנדערע, איר ענלעכע מאַסעס, וואָס שיידן זיך דאָך אונטער אין אַ סך פונקטן, אַזוי אַז זי מוז עטוואָס ריוואַליזירן מיט זיי.

1) הויפּט-תנאים.

דער פערטער תּנאי איז, אז די מאסע פארמאגט טראַ־דיציעס, געוווינהייטן און איינריכטונגען, באזונדערס אזעלכע, וואָס זענען נוגע דער באציונג פון אירע מיטגלידער איינער צום צווייטן.

דער פינפטער תּנאי, אז אין דער מאסע איז פאראן א צעגלידערונג, וואס דרוקט זיך אויס אין דער ספעציאַליזירונג און דיפערענצירונג פון די לייסטונגען, וואס קומען אויס אויף יעדן איינצעלנעם מענטש.

אדאנק אָט דער דערפילונג פון די דאָזיקע באַדינגונגען, ווערן לויט Mc Dougall אָפּגעשאַצט די פסיכישע דעפעקטן פון דער מאסע. קעגן דעם קאָלעקטיוויס אַראָפּפאַל פון דער אינטעלעק־טועלער ארבעט פארהיט מען זיך מיט דעם, וואס מען נעמט אוועק פון דער מאסע די לייזונג פון די אינטעלעקטועלע אויפ־גאַבן און מען גיט זיי איבער דעם יחיד.

עס דאכט זיך אונז, אז מען קען מיט א גרויסער רעכט אנדערש באַשרייבן די באַדינגונגען, וואס Mc Dougall באַצייכנט פאַר דער „אָ־גאַניזירטער" מאסע. די אויפגאַבע באַשטייט אין דעם, וואָס מען דאַרף דער מאַסע פאַרשאַפן טאַקע יענע אייגנשאַפטן, וואָס זענען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אינדיווידואום און וואָס זענען ביי אים דורך דער מאַסן־פאַרמירונג פארלוירן געגאַנגען, ווייל דער יחיד האט געהאט — מחוץ דער פרימיטי־ווער מאַסע — זיין באַשטענדיקייט, זיין זעלבסט־באַוווסטזיין, זיינע טראַדיציעס און געוווינהייטן, זיין באזונדערע ארבעטס־לייסטונג און לעבנס־ליניע און האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון אנדערע, מיט וועלכע ער האט ריוואַליזירט. די דאָזיקע אייגנארטיקייט זיינע האָט ער דורכן אריינטריט אין דער נישט „ארגאַניזירטער" מאסע פארלוירן אויף אַ געוויסער צייט. אויב מען אָנערקענט אלס ציל צו באַשענקען די מאַסע מיט די אטרי־בוטן פונם יחיד, דאַן דאַרף מען דערמאַנען וו. טראָטטערס טרעפלעכע באַמערקונג, וועלכער זעט אין דער נייגונג צו שאַפן

א מאַסע די ביאָלאָגישע פארזעצונג פון דער פילצעליקייט פון אלע העכערע אָרגאַניזמען. 1) איך קען נישט, להיפך צו דער זייער פארשטענדלעכער און שארפזיניקער קריטיק פון Hans Kelsen, (Imago, VIII/2, 1922), נישט צו געבן, אז אזא באצירונג פון דער „מאסן-נשמה" באטייט איר היפּאָסטאזירונג ד. ה. אָנער-קענען די אומאפהענגיקייט פון די נשמה-טאטן אין דעם יחיד

1) W. Trotter: Instinct of the herd in peace and war London 1916.

IV

סוגעסטיע און ליבידא.

מיר זענען ארויסגעגאנגען פון דעם הויפּט-פאקט, אז אין דעם יחיד ביי דער מאסע קומט פאָר, צוליב איר איינפלוס, אַ טיפע ענדערונג פון זיין נשמה-טעטיקייט. זיין אַפעקטיווקייט ווערט אויסערגעוויינלעך געהעכערט און זיין אינטעלעקטועלע ווירקונג ווערט גאנץ אָנזעעוודיק באַגרענעצט; דיביידע פּראָצעסן גייען באשיינבערלעך אין דער ריכטונג צו אַ פאַרגלייכונג מיט די אנדערע מאסן-אינדיווידואומען. דער דערפאלג קען דערגרייכט ווערן נאָר דורך דעם אָפּשאפן פון די שטערונגען, וואָס זענען כאראקטעריסטיש פאר יעדן אינדיווידואום און, דורך דאָס אָפּזאגן זיך פון די באזונדערע אייגנשאפטן און זיינע נייגונגען. מיר האָבן געהערט, אז די דאזיקע אפט נישט-געוווּנטשענע ווירקונגען קענען אָפּגעווענדט ווערן דורך אַ העכערער „ארגאניזאציע" פון דער מאסע, וויי מקדוגאלס טיילווייז. דאָס איז אָבער נישט אין סתירה צום גרונט-פאקט פון דער מאסן-פסיכאלאגיע, — די ביידע סברות וועגן דער אַפעקט העכערונג און דאס דענקן-פארשטאפונג אין דער פרימיטיווער מאסע. אונדז אינטערעסירט צו געפינען אַ פסיכאָלאָגישע דערקלערונג פאר דער דאָזיקער גייסטיקער פארענדערונג פונם יחיד,

ראַציאָנעלע מאָמענט, ווי דאָס שוין פריער דערמאָנטע אָפשרעקן דעם יחיד, אלזא, די אקציע פון זיין זעלבסט־דער־האלטונג־געפיל — זיי דעק נישט, דאָס איז קלאר, די באַזונדער־טעטע דערשיינונגען. דאָס, וואָס די מחברים פון סאָציאָלאָגיע און מאַסן־פסיכאלאגיע, האבן אונז דערלאנגט אלס דערקלערונג, איז שטענדיק דאס זעלבע, הגם אונטער זיך פארשידענע נעמען:

דאָס כשוף־ווארט: ס ו ג ע ס ט י ע. ביי Tarde הייסט עס נ אָ כ מ א כ ן, אָבער מיר מוזן גערעכט געבן איין מחבר, וועלכער ווייזט אונז אן, אַז דאָס נאכמאכן פאלט ארונטער דעם באגריף סוגעסטיע, און איז אפילו אַ פועל־יוצא פון איר 1) ביי לע־באָן ווערט אַלץ וואָס איז פריער אין די סאציאלע פארשונגען פאררעכנט אויפן חשבון פון צוויי פאקטארן: אויף דער קעגנזייטיקער סוגעסטיע פונם יחיד און אויפן פרעסטיזש פונם פירער, אָבער דער פרעסטיזש דערשיינט ווידער נאָר אלס ווירקונג וואָס רופט ארויס סוגעסט ע.

ביי Mç Dougall האָבן מיר אליין געקענט האָבן דעם איינדרוק, אז זיין פרינציפ פון דער „אלערערשטער אַפעקט־אינדוקציע” מאכט איבעריק דאס אננעמען די סוגעסטיע. אבער ביי א ווייטערער באַטראכטונג זען מיר אליין, אז דער דאזיקער פרינציפ דריקט אויס עפעס אַנדערש, ווי די באקאנטע באַהויפּטונג פון „נאָכמאכן” אָדער „אנשטעקונג”, וואס באטאָנט אָבער אנטשידן דעם אפעקטיוון מאָמענט. אַז אין אונז איז פאַראן אַ טענדענץ, ווען מיר זעען ביי אַן אַנדערן אַ סימן פון אפעקט־צושטאַנד, אריינצופאַלן אין דעם זעלבן עפעקט, שטייט אויסער יעדן ספק. אָבער ווי אָפט שטעלן מיר אַ דערפאָלגרייכן ווידערשטאַנד, ווארפן אָפּ דעם דאָזיקן אַפעקט, רעאַגירן אָפט מיט אַ קעגנזעצלעכן זין! פאַרוואָס אָבער גיבן מיר זיך רעגלמעסיק אונטער דער דאזיקער אנשטעקונג ווען מיר זענען אין דער מאסע? מען וועט ווידעראמאָל מוזן זאגן, אז דאס

---

1) Brugeilles: L'essnce de phénomene socicel: La sugegstion. Rev.e philosophibue XXV. 1913.

איז דער סוגעסטיאנירטער איינפלוס פון דער מאסע, וואָס צווינגט אונז צו הערכן דידאָזיקע נאָכמאכונג - טענדענץ, וואָס אינדוציִרט אין אונז דעם אפעקט. איבריקענס האָבן מיר געזען, אז Mc Dougell קען אויך נישט אויסקומען אָן סוגעסטיע; פון אים הערן מיר, פונקט ווי פון אַנדערע: די מאַסן צייכע־נען זיך אויס מיט אַ ספעציעלער סוגעסטיאָנירבאַרקייט. מען ווערט, אַלזאָ, צוגעגרייט צו דעם אויספיר, אז די סוגעסטיע (ריכטיקער: סוגעסטיאנירבארקייט) איז טאקי א ישט־ווייטער זיך רעדוצירבארער אורפענאמען, אַ גרונט־פאקט פונם מענטש־לעכן גייסטיקן לעבן. אזוי האָט אויך געהאַלטן Bernstein, וועמענס וואונדערבאַרע קונסט איך האָב בייגעוואוינט אין י. 1889. איך דערמאָן זיך אָבער, אז אויך דעמאָלט האָט מיך באַהערשט אַ טעמפּע קעגנערשאפט קעגן דער דאזיקער טיראַני פון דער סו־געסטיע. ווען מ'שרייט אויף אַ באקאנטן, וואָס האָט זיך נישט אונטערגעגעבן דער סוגעסטיע: וואָס טוט איר?

וואָלט איך געזאָגט, Vous vous contresuggestionnez 1)
אַז דאָס איז אַ בפירושער אומרעכט און גוואַלטאַט.

געוויס, דער מענטש האט אַ רעכט צו קאנטר־סוגעסטיע, בעת מען פרווּוט אים אונטערוואַרפן זיך דער סוגעסטיע. מיין ווידערשטאנד נעמט שפעטער אָן די ריכטונג פון פראטעסט קעגן דעם, וואָס די סוגעסטיע, וועלכע דערקלערט אַלץ, זאָל אליין נישט האָבן קיין דערקלערונג. מכוח דעם האב איך איבערגעחזרט די אַלטע שפּאַס־פראַגע: (2

Christoph trug Christum,
Christus trug die ganze Wel

---

1) איר קאנטרא־סוגעסטיאנירט זיך.

2) Konrnd Richter: Der deutsche St. Christoph. Berlin 1896. Acta Germanica, 1.

Sag, wo hat Chri·toph
Damals hin den Fuss gestellt?

Christophorus Christum, sed
Christus sustulit orbem:
Constitent pedibus dic ubi

בעת איך בין נאָך Christophorus (1 קנאַפּע 30 יאָר ווידער צוגעטרעטן צו דער רעטעניש פון סוגעסטיע, האָב איך דערזען, אַז ס'האט זיך דארט גאָרנישט געענדערט. אַחוץ איין אויסנאַם, וואָס ווייזט אויף דעם איינפלוס פון דער פסיכאָלאָגיע, קען איך ווייטער בלייבן ביי דער דאָזיקער באַהויפטונג מיינער. איך זע, אַז מען באַמיט זיך ספּעציעל, אַז מען זאָל קאָרעקט פאָרמולירן דעם באַגריף סוגעסטיע, ס'הייסט קאָנווענציאָנעל פעסטשטעלן דעם געברויך פון דעמאָזיקן וואָרט 2), און דאָס איז פּאַקטיש נישט איבעריק, ווייל דאָס דאָזיקע וואָרט ווערט וואָס אַמאָל מער באַנוצט אין אַ פאַרדרייטן זין און עס וועט גאָר אין גיכן באַצייכענען יעדן באַליביקן איינפלוס, ווי אין ענגלישן, ווי „to suggest, suggestion", פּאַסט זיך צו אונזער וואָרט „איך דייט אָן", „איך לייג פאָר", אָבער ס'איז נישט פאַרהאַן קיין דערקלערונג איבער דעם מהות פון דער סוגעסטיע, ד. ה. איבער די באַדינגונגען, ביי וועלכע עס שאַפט זיך אַן איינפלוס אן גענוגנטע לאגישע יסודות. איך וואָלט זיך נישט אָפּגעזאָגט צו פארשטארקן מיין דאזיקע באהויפטונג, ברענגנדיק אַן אנאליז פון דער ליטעראטור אין די לעצטע 30 יאָר,

---

1) קריסטאל טראגט קריסטוסן, קריסטוס טראגט די גאנצע וועלט, זאג־זשע־ווו האט קריסטוס דעמאלט זיין פוס געשטעלט?

2) Mc Dougall im Journal of Neurology and Psycho pattology". vol I Nr. 1 May 1920
A noteon suggestion.

אָבער איך טו דאָס נישט, ווייל איך ווייס, אַז מע וועט צו־
גענרייט אַן אויספּירלעכע אויספאָרשונג, וואָס האָט זיך בא־
שטעלט די דאזיקע אויפגאבע.

אנשטאָט דעם וועל איך פּרווון, כדי צו דערקלערן די מאַסן־פסיכאָלאָגיע, אנווענדן דעם באַגריף ליבידא, וואָס האָט אונז אַ סך געהאלפן בעתן שטודירן דעם פסיכאָ־נעוראָז.

ליבּידאָ, — דאָס איז אַן אויסדרוק, וואָס איז גענומען פון דער לערע וועגן אפעקטיווקייט. מיט אָט דעם טערמין רופן מיר אָן די אַלס קוואנטאטיווע, ריזיק באטראכטעטע — אפילו צו דער צייט נישט אויסגעמאָסטענע — ענערגיע פון אזעלכע נייגונגען, וואָס האָבן צו טון מיט דעם אלעם, וואָס גייט אַרונטער אונטער דעם וואָרט ליבע. דער קערן פונם באַ־ריף, וואָס מיר רופן אָן ליבע, איז, נאטירלעך, דאָס וואָס מען רופט געווינלעך ליבע און וואָס די דיכטער באַזינגען, און אויך יענע ליבע מיט דעם ציל פון אַ געשלעכטלעכער פאַרייניקונג. מיר טיילן אָבער פון דעם נישט אָפּ דאָס, וואָס האָט אויך אַ חלק אין דעם באַגריף ליבע: פון איין זייט די אייגנליבע (עגאָאיזם), פון דער צווייטער זייט — די עלטערן־און קינדער־ליבע, די פריינטשאַפט און די מענטשנליבע, ווי אויך נישט דאס מוסר נפש זיין זיך פאר קאָנקרעטע זאַכן און אב־סטראקטע אידייען. אונזער פארענטפערונג באשטייט אין דעם, וואָס די פסיכאָ־אַנאַליטישע אויספאָרשונג האָט אונז געלערנט, אַז די אַלע שטרעבונגען זענען אַן אויסדרוק פון די זעלבע נייגונגען, וואָס זענען געצילט צו דער געשלעכטס־פאַרייניקונג. צווישן פאַרשידענע געשלעכטער, הגם אין אַנדערע פאַרהעלטע־נישן זענען זיי אָפּגעווענדעט פונם סעקסועלן ציל, אָבער זיי ווערן אָפּגעהאַלטן ביים דערגרייכען אים, דערביי היטן זיי אָבער תמיד געגוג אָפּ זייער אורשפּרינגלעכן וועזן, כדי קענטיק צו דערהאלטן די אידענטיטעט (זעלבסט־באַפרייונג, שטרעבן צו נאָענטקייט).

מיר מיינען, אלזאָ, אַז די שפּראַך האָט מיט דעם וואָרט „ליבע” אין זיינע פילפאַכיקע אנווענדונגען געשאַפן אדורכויס

ריכטיקן צוזאמענהאַנג, און מיר קענ-ן אויך מער נישט טון,
[illegible]ען אַלס יסוד דאס זע־בע פאר אונזערע וויסנשאפטלעכע
באַטראַכטונגען און באַשרייבונגען. צוליב אָט דעם באַשלוס
האָט דער פסיכא־אנאליז אַרויסגערופן אַ שטורם פון כּעס,
גלייך ווי ער וואלט געווען שולדיק אין אַ פאַרברעכער־שן
אויפטו. און דאך האָט דער פסיכאָאַנאַליז נישט געשאַפן קיין
שום אריגינעלע מיט דערדאזיקער „פארברייטערטער" אויפ־
פאסונג פון דער ליבע. דער „עראָס" פונם פילאָזאָף פּלאַטאָ
דעקט זיך אין גאַנצן מיט זיין אָפּשטאַמונג, לייסטונג און באַ־
ציונג צו דער געשלעכטס־ליבע מיט דער ל בע־קראַפט, מיט
דעם ליבידא פונם פסיכאָאַנאַליז, ווי ס'האָבן דאָס באַוויזן, יע־
יעדער באַזונדער, Nachmanson, und Pfischer 1), און בעת דער
אפאסטאל פאול לויבט אין זיין באַרימטן בריוו צו די קארינ־
טער די ליבע מער פאַר אַלעם, האט ער געוויס געמיינט די
ליבע אין דעם זעלבן „פארברייטערטן" זין 2). פון דעם קען
מען זען, אז די מענטשן נעמען נישט שטענדיק ערנסט זייערע
גרויסע דענקער, אפילו דאַן, ווען זיי, די מענטשן, באַוווּנדערן
כלומרשט די לעצטע.

די דאזיקע ליבע־בייגונגען ווערן אין דעם פסיכאָאַנאַליז
אָנגערופן apotiori און לויט זייער אָפּשטאַמונג הייסן זיי
סעקסועלע בייגונגען. דער רוב פון די „געבילדעטע" האָט איינ־
געפונען דעם דאָזיקן נאָמען ווי אַ באַליידיקונג און זיך נוקם
געווען אין אים, מיט דעם וואָס זיי האָבן געוואָרפן די באַ־
ליידיקונג „פאנסעקסואליזם". דער, וואָס עס האַלט דאָס סעק־

---

1) Nachmansohn, Freuds Libidoteorie verglichen mit der Eroslehre Platos. Jntern. Zeitschr. p.uPsychoanalyse III, 1925; Pofister, ebd II, 1921.

2) „בעת איך רעד אויף דער שפּראַך פון מענטשן און מלאכים און איך האב נישט קיין ליבע," איז עס פּונקט ווי איך וואלט געווען אליגנדיק שטיק ערץ אדער א רוישנדיקע טאץ".

סועלעס פאַר אזוינס, וואָס איז אַ חרפה און דערנידערונג פאַר דער מענטשלעכער נאַטור, דער מעג זיך באַנוצן מיט דעם חשובערן אויסדרוקן: עראס און עראטיק איך וואָלט דאָס געקענט מיט באַלד אין אָנהייב און מיר פארשפּאָרט אַ סך טענות. אָבער איך האָב דאָס נישט געטון, ווייל איך גיב קיינמאָל נישט קיין קאָנצעסיע דער שוואַכמוטיקייט. מען קען נישט וויסן, וווהין מען פאַלט אריין, גייענדיק אויף אַזאַ וועג; צום ערשט גיט מען נאָך אין ווערטער, נאָכדעם ביסלעכווייז אין מעשים. איך זע נישט אין קיין שום פארדינסט אין דעם, וואָס מען שעמט זיך מיט דער סעקסועלקייט. דאָס גריכישע וואָרט „עראס", וואָס זאָל כלומרשט מילדערן די חרפה, איז דאָך סוף-כל-סוף נישט עפּעס אַנדערש ווי די איבערזעצונג פון אונזער וואָרט „ליבע", און ענדלעך ווער ס'קאָן וואַרטן, דער דאַרף נישט מאַכן קיין שום קאָנצעסיעס.

מיר וועלן, אַלזאָ, פּרוּוון צו זאָגן, אז די ליבע-באַציונגען (גלייכצייטיק נערעדט, געפילס-בינדונגען) זענען דער מהות פון דער מאסן-נשמה. לאָמיר זיך דערמאָנען, אז וועגן דעם רעדט זיך נישט ביי די אויבן ציטירטע מחברים. דאָס וואָס ס'אַנטשפּרעכט זיי, (ס'הייסט די ליבעס-באַדינגונגען) דאָס איז באַשיינפּערלעך באַהאַלטן הינטערן שירם הינטער דעם שפּאנישן ווענטל, פון דער סוגעסטיע. אויף צוויי גערדאַנקען שטיצן מיר אונזער באַהויפּטונג: ערשטנס, אַז די מאסע ווערט באַשיינפּערלעך צוזאַמענגעהאַלטן דורך עפּעס אַ קראַפט. וועלכער קראַפט קען מען גיכער פאַר אַלעם צושרייבן דאָס, חוץ דעם עראָס, וואָס האַלט צוזאמען אַלע זאכן אין דער וועלט? צווייטנס, מען באַקומט דעם איינדרוק, אַז ווען דער יחיד אין דער מאַסע זאָגט זיך אָפּ פון זיין אייגנארטיקייט און לאזט זיך סוגעסטיאנירן פון אנדערע, טוט ער דאָס, דערפאַר ווייל ביי אים איז פאַראַן אַ באַדערפעניש גיכער צו זיין אין איינקלאַנג מיט זיי, איידער קעגנזאַץ. אַלזאָ, ס'קען אפילו הייסן „זיי צוליב".

V

צוויי קינסטלעכע מאסן: קירך און ארמיי

אויס דער מארפאלאגיע פון דער מאסען געדענקן מיר, אַז מען קען אונטערשיידן זייער פארשידענע מינים און קעגנזעצלעכע ריכטונגען אין זייער פארמירונג. עס זענען פאראן זייער קורצדויערנדיקע און לאנג-דויערנדיקע מאסן; האמאגענע, וואס באשטייען פון גלייכארטיקע אינדיווידואומען, און נישט-האמאגענע; נאטירלעכע מאַסן און קינסטלעכע, וואס ברויכן האָבן פאַר זייער צוזאמענהאלט אן אויסערלעכן צוואַנג; פרימיטיווע און צעגלידערטע, הויך אָרגאניזירטע מאסן. אָבער צוליב אַ גרונט, וועמענס ציל איז נאָך פאַרהוילן, וואָלטן מיר געוואָלט לייגן אכט אויף איין אונטערשיד, וואָס איז ביי די זעלבע מחברים ווייניק באאָבאכטעט געוואָרען; איך מיין די מאסן, וואָס זענען אָן פירער און די, וואָס האָבן יאָ פירער. און אַלס קעגנזאַץ צו דער געוויינלעכער געוויינהייט נעמט אונזער אויספארשונג אלס אויסגאנג פונקט נישט די געוויינלעכע רעלאַטיווע מאַסע, נאָר די הויך-אָרגאניזירטע, דויערהאפטיקע, קינסטלעכע מאַסע. אַלס אינטערעסאַנטע ביישפילן פון אַזעלכע פאָרמירונגען זענען די קירך, די געמיינדע פון די גלויביקע אין די ארמיי — דאָס מיליטער.

קירך און אַרמיי זענען קינסטלעכע מאסן, ד. ה. עס ווערט אָנגעווענדעט אַ געוויסער אויסערלעכער צוואַנג, כדי זיי אָפּ־צוהיטן פון צעפאַלונג 1) און אָפּצוהאַלטן די ענדערונגען אין זייער סטרוקטור. געוויינלעך פרעגט מען נישט אייגעם, אָדער עס ווערט קיינעם נישט געגעבן דער פרייער ווילן, צי ער וויל אַריינטרעטן אין אַזאַ מאַסע; דער פרווו אַרויסצוטרעטן פון איר ווערט געוויינלעך פאַרפאָלגט אָדער שטרענג באַשטראָפט אָדער ער איז געבונדן מיט גאַנץ באַשטימטע באַדינגונגען. פאַרוואָס די דאָזיקע פאַרגעזעלשאַפטלעכע האָבן אַ באַזונ־דערע זיכערונג — די דאָזיקע פראַגע גייט איצט נישט אַריין אינעם קרייז פון אונזערע אינטערעסן. אונדז אינטערעסירט נאָר דער איינער אומשטאַנד, וואָס אין אָט די דאָזיקע הויך־אָרגאַ־ניזירטע מאסן, וואָס ווערן געשיצט פון צעפאַלונג מיט אַזעלכע אופנים, קען מען מיט אַ גרויסער דייטלעכקייט באַמערקן גע־וויסע פאַרהעלטענישן, וואָס זענען ערגעץ־אַנדערש־וווּ נאָך טיפער פאַרבאָרגן.

אין דער קירך — מיר קענען באַקוועם נעמען אַלס מוס־טער די קאַטוילישע קירך — גילט ווי אין דער אַרמיי, — ווי פאַרשידן זיי ביידע זאָלן נישט זיין — די זעלבע פאַלשע איבערצייגונג (אילוזיע), אַז ס'איז אין איר פאַראַן אַן אויבער־הויפּט — אין דער קאַטוילישער קירך קריסטוס, אין דער אַר־מיי — דער הויפּט־אַנפירער, וואָס האָט גלייך ליב אַלע יחידים פון דער מאַסע. אויף דער דאָזיקער אילוזיע הענגט אַלץ; קוים פאַלט זי אָפּ, דאַן צעפאַלן זיך גלייך, אויף וויפיל דער אויסער־לעכער צוואַנג דערלויבט עס, אי די קירך, אי די אַרמיי. וועגן קריסטוסנס גלייכער ליבע פאַר אַלע ווערט אויסדריקלעך געזאָגט: דאָס, וואָס איר האָט געטון מיינע נידעריקסטע ברו־דער, איז גלייך ווי איר האָט דאָס מיר געטון. צו יעדן יחיד

1) די אייגנשאַפטן „סטאַביל" און „קינסטלעך" זעט אויס פאַסן זיך צו־יי מאסן, אָדער לכל הפחות זענען זיי אינטים צוזאַמענגעבונדן.

פון דער מאסע באציט ער זיך ווי אַ גוטהערציקער עלטערער ברודער, ער פארטרעט זיי אפטער. אלע אויפפאדערונגען צום יחיד שטאמען אָפּ פון דער דאָזיקער קריסטוסנס ליבע. אין דער קירך גייט אדורך אַ דעמאָקראטישער שטריך, טאקע דערפאר, ווייל פאר קריסטוסן זענען אלע גלייך, אלע האָבן אַ גלייכן חלק אין זיין ליבע. גאנץ ריכטיק ווערט די גלייכהייט פון דער קריסטלעכער געמיינדע פערגליכן מיט דער פאמיליע, און רופן זיך אן די גלויביקע ברידער אין קריסטוסן. ד. ה. ברידער פון דער ליבע, וואס קריסטוס האָט פאר זיי. עס איז נישט קיין ספק, אַז דער צוזאמענבונד פון יעדן יסוד צו קריסטוסן איז אויך די סיבה פון זייער צוזאמענבונד איינער מיטן צווייטן. דאָס זעלבע איז דער פאל מיט דער ארמיי, דער הויפט-אנפירער איז דער פאטער, וואס האט גלייך ליב אלע זיינע זעלנער. און דעריבער זענען זיי ווי חברים צווישען זיך. מיט דעם שיידט זיך אונטער לויט די קאנסטרוקציע די אַרמיי פון דער קירך, וואס זי, די ארמיי, איז אַ שטופנגעביי פון אזעלכע מאסן. יעדער אפיציר איז גלייכצייטיק דער אנפירער און פאטער פון זיין אפטיילונג, יעדער אונטער אפיציער פון זיין סעקציע. אן ענלעכע היערארכיע איז טאקע פאראן אויך אין דער קירך, זי שפילט אבער נישט די זעלבע עקאנאמישע ראל, ווייל קריסטוסן שרייבט מען צו, אז ער ווייסט און זארגט זיך מער פאר דעם יחיד, ווי דער מענטש — הויפט-אנפירער.

קעגן אָט דער אויפפאסונג פון דער ליבידא-סטרוקטור אין אן ארמיי קען מען מיט רעכט זאָגן, אז די אידייען וועגן פאָטערלאנד, נאציאנאַלן רום א. א., וואס האבן אזא באַטייט פאר דעם צוזאמענהאלט פון דער ארמיי, האבן נישט קיין ארט אין דער דאזיקער סטורקטור. דער ענטפער איז, דאָס איז אַן אנדערער, שוין נישט אזא איינפאכער פאל פון מאסן-פארמירונג, און ווי ס'ווייזן די ביישפילן מיט די גרויסע ארמיי-אָנפירער, צעזאר, וואלענשטיין נאפּאָלעאָן, זענען אזעלכע אידייען נישט נויטווענדיק פאר דעם באשטאַנד פון אן ארמיי. פון דעם

מעגלעכן ערזאץ פון אַ פירער דורך אַן אָנפירנדיקע אידיי און די
באַציונגען צווישן ביידע, צווישן אָנפירער און דער אידיי,
וועלן מיר שפּעטער רעדן. דאָס פאַרנאַכלעסיקן פון דעם דאָ־
זיקן ליבידא־פאַקטאָר אין דער ארמיי, אפילו דאַן, ווען ער
איז נישט דער איינציק־ווירקזאַמער, איז נישט נאָר אַ טעאָרע־
טישער חסרון, נאָר אויך אַ פאַקטישע געפאַר. דער פּרייסישער
מיליטאַריזם, וואָס איז געווען אַזוי נישט פּסיכאָלאָגיש, פּונקט
ווי די דייטשע וויסנשאַפט, איז דאס, אפשר, געוואָר געוואָרן
בשעת די גרויסע וועלט־מלחמה. די קריגס־נעווראזן, וואס האבן
אויפגעלייזט די דייטשע ארמיי, זענען ס׳רוב געווען אַ פּראָ־
טעסט פונם יחיד קעגן זיין אנגעוואָרפענע ראָל אין דער ארמיי.
און לויט 1) T. Simmel's מעלדונגען דארף מען באַהויפּטן, אַז
צווישן די מאטיוון פון קראנק ווערן דארף מען אויפן ערשטן
ארט שטעלן די נישט ליבלעכע באהאנדלונג פון דעם פּשוטן
מענטשן דורך אָנפירער. ביי אַ בעסערער אָפּשאצונג פון דעו
דאזיקער ליבידא פאָדערונג, וואלטן ווארשיינלעך, ווי סאנס
פאנטאסטישע הבטחות און 14 פּונקטן נישט באַגעגנט אַזא לייכט־
גלויביקייט, און דער אויסגעצייכנטער אינסטרומענט וואלט נ שט
צעבראָכן געוואָרן אין די הענט פון די דייטשע אנפירער.

מיר באַמערקן, אז אין די דאָזיקע ביידע קינסטלעכע
מאַסן, איז יעדער יחיד, פון איין זייט, געבונדן ליבידא־ארטיק
מיט דעם אנפירער (קריסטוס, ארמיי־אָנפירער) און פון דער
צווייטער זייט, מיט די אנדערע מאסן־אינדיווידואומען. ווי
אזוי פארהאלטן זיך די ביידע צוזאמענבונדן, צי זענען זיי
גלייכארטיק און גלייכווערטיק און ווי אזוי מ׳דארף זיי באַ־
שרייבן פּסיכאלאָגיש, דאָס מוזן מיר אָפּלייגן אויף אַ שפּע־
טערע אויספאָרשונג. מיר דערלויבן זיך אָבער צו מאכן
א לייכטן פאָרוואורף יענע מחברים, וואס האבן נישט גענוג

---

1) Kriegsneurosen und Psychische Traume", München 1918.

אפגעשאצט דעם באטייט פון די פירער פאַר דער פסי־כאלאָגיע פון דער מאסע, בעת דער אויסקלויב פון ערשטן אויספארשונגס־אביעקט האט אונז געשטעלט אין אַ גינסטיקער לאגע. אַט ווילט זיך אונז דאַכטן, אז מיר גייען אויפן ריכטיקן וועג, וואס וועט דערקלערן די הויפּט דערשיינונג פון דער מאסן־פסיכאלאגיע; די נישט־פרייהייט פונם יחיד אין דער מאַסע. אויב אין יעדן יחיד איז פאראַן אזא שטארק געפילס־צוזאמענבונד אין צוויי ריכטונגען, דאן וועט אונז נישט שווער זיין אַרויסצודרינגען פון דעם דאזיקן צושטאנד די באמערקטע פארענדערונג און דאס באגרענעצט ווערן פון זיין פערזענלעכן קייט.

אַ רמז, אז דער מהות פון אַ מאַסע באשטייט אויך די אין איר פאראנענע ליבידא־צוזאמענבונדן, האבן מיר אויך אין דעם פענאמען פון דער פאניק, וועלכע מען קען אמבעסטן אויספארשן אויף די מיליטערישע מאסן. אויב אַ מאסע ווערט אויפגעלייזט, דאַן אנטשטייט אַ פאַניק. דער כאראקטער פון דער פאניק באַשטייט אין דעם, וואָס עס ווערט שוין נישט דערפילט קיין שום באַפעל פון די אָנפירער, און וואָס יעדער זאָרגט פאר זיך, אָן איינזען פאר די אַנדערע. די קעגנזייטיקע צוזאַמעבונדן האָבן אויפגעהערט און עס ווערט פריי אַ ריזן־גרויסער, זינלאָזער פחד. נאטירלעך, אויך דאָ קען מען אַרויס־שטעלן אַ טענה, אַז עס איז גראָד פארקערט: דער פחד איז אַזוי גרויס, ער האָט באַזיגט אַלע איינזעענישן און צוזאַמענבונדן. (Mc Dougall (ז. 24 האָט אפילו באטראכט דעם פאל פון פאַ־ניק (אמת, נישט מיליטערישער) אַלס מוסטער־ביישפּיל פאַר די פון אים באַטאָנטע אַפעקט־העכערונג דורך אנשטעקונג primary in-duction , אָבער די דאָזיקע ראַציאָנעלע דערקלערונגען האָבן זיך דאָ אינגאנצן נישט איינגעגעבן. צוערשט דאַרף מען דער־קלערן, פאַרוואָס דער פחד איז אַזוי ריזן־גרויס געוואָרן. די גרויס פון דער געפאר קען נישט זיין אַלס סיבה, ווייל די זעלבע אַרמיי, וואָס איז איצט ארומגענומען פון פאַניק, קען אויפהאַלטן עטלעכע גרעסערע און נאָך גרעסערע געפארן זער

גוט. זי געהערט גראָד צום מהות פון דער פּאַניק, וואָס שטייט נישט אין קיין פאַרהעלטעניש צו דער דראָענדיקער געפאַר, ווייל אָפט ברעכט זי אויס צוליב נישטיקע סיבות. אויב דער יחיד הייבט אָן צו זאָרגן פאַר זיך בעת דער פּאַנישער שרעק, ווייזט ער מיט דעם, אַז ביי אים האָבן אויפגעהערט צו עקזיסטירן די אַפעקטיווע צוזאַמענבונדן, וועלכע האָבן אים ביזאהער פאַרקלענערט די געפאַר. איצט, ווייל ער שטעלט זיך אַליין אַנטקעגן דער סכּנה, דאַרף ער זי העכער שעצן. עס קומט אַלזאָ אויס, אַז די פּאַנישע שרעק זעט פאָרויס די אָבשוואַכונג פון דער ליבּידאָ־סטרוקטור פון דער מאַסע און רעאַגירט מיט איר אויף אַ באַרעכטיקטן אופן, נישט פאַרקערט, אַז די ליבּידאָ־צוזאַמענבונדן פון דער מאַסע זענען כּלומרשט געגאַנגען צום גרונט אויס מורא פאַר דער געפאַר.

מיט אָט די באַמערקונגען ווערט בשום־אופן נישט דער־ווידערט דער סברה, אַז די מורא אין דער מאַסע וואַקסט געוואַלטיק אויס. דורך אינדוקציע (אָנשטעקונג). Mć Dougall's אויפפאַסונג איז דורכאויס טרעפלעך אין דעם פאַל, ווען די געפאַר איז אין אמתן אַ גרויסע און ווען אין דער מאַסע זענען נישט פאַראַן קיין שטאַרקע געפילט צוזאַמענבינדונגען, וואָס וועלן פאַרווירקלעכט, אויב צ. ב. אין אַ טעאַטער אָדער אין אַ אַרוויילונגס־לאָקאַל ברעכט אויס אַ שׂרפה. אַלס באַ־לערנדיקער און פאַר אונזער צוועק טויגלעכער פּרט איז דער אויבן דערמאָנטער פאַל, פון פּאַניק אין דער אַרמיי. אויב די געפאַר שטייגט נישט איבער די געוויינלעכע מאָסן, וואָס חזרן זיך אָפט איבער און וואָס האָבן נישט אַרויסגערופן קיין פּאַ־ניק. מ'דאַרף נישט מיינען, אַז דאָס וואָרט פּאַניק ווערט דאָ באַנוצט שטרענג און גענוי.

מאַנכעס מאָל באַצייכנט מען אַזוי יעדן מאַסן־פּחד, און אַ סך מאָל אויך די שרעק פון יעדן יחיד, אויב זי גייט אַריבער אַ געוויסע מאָס. אָפט ווערט דער דאָזיקער באַגריף רעזערווירט, אויב דער אויסדרוק פון שרעק ווערט נישט באַ־רעכטיקט דורך דער אַרויסגערופענער סיבה. אויב מיר נעמען

דאָס וואָרט „פּאַניק״ אין זין פון מאסן-פּחד, דאַן קענען מיר באַהויפּטן אוויטגייענדיקע אַנאַלאָגיע. די שרעק פונם יחיד ווערט אַרויסגערופן אָדער דורך דער גרויס פון דער געפאַר, אָדער דורך דער פאַרניכטונג פון די געפילס-צוזאַמענבונדן (Libido besetz ng) דער לעצטער פאַל איז שייך דער נעוו-ראָזישער מורא; (זע Vorjesungen zur Einführung in die Psychoanalize XXV,3 aufl, 1920).

די פּאַניק אנטשטייט אויך דורך דער העכערונג פון דער סכּנה, וואָס טרעפט אלע, אדער דורך דאָס אויפהערן פון די געפילסצוזאמענבונדן, וואָס האלטן צוזאמען די מאסע; און דער לעצטער פאַל איז אנאלאָגיש דער נעוורא̈זישער מורא. פארגלייך צו דעם דעם געדאנקען-רייכן, אָבער עטוואס פאנטאסטישן ארטיקל פון Bëld v. Tolneghy· Panik und Pankomplex, „Imago״ vl., 1920)

אויב מ׳באַשרייבט די פּאַניק, ווי (c. 1) Mc Dougall טוט אלס איינע פון די בולטסטע לייסטונגען פון „group mind“ קומט מען צום פּאראדאקס, אז דידאזיקע מאַסן-נשמה שאפט זיך אַליין אָפּ אין איינע פון אירע אויפפאלנדיקסקע דערשיי-נונגען.

עס איז נישט קיין ספק, אַז די פּאַניק באַטייט די אויפ-לייזונג פון דער מאַסע, זי איז דער פּועל-יוצא פון דאָס אויפ-הערן פון אלע איינזעעניש; וועלכע די יחידים אין דער מאַ-סע ווייזן איינער פארן צווייטן.

די טיפּישע סיבּה פאַרן אויסברוך פון א פאניק איז זער ענלעך צו דאָס וואָס ווערט געשילדערט אין Nestroys פּאראָ-דיע אויף Hebbels דראַמע „יהודית און הולפורנס״. דאָרטן שרייט אַ זעלנער: „דער מלחמה-אָנפירער האָט פארלוירן דעם קאָפּ״, און באַלט אויף דעם צעלויפן זיך אלע אשורער. דער פארלוסט פונם פירער, וואָסערען באַטייט ער זאָל נישט האָבן, דאָס אַנטוישן זיך אין אים, רופט אַרויס אַ פּאניק, הגם די גע-פאר בלייבט די זעלבע; צוזאמען מיט דאָס פארשווונדן ווערן פונם צוזאמענבונד צום אנפירער, פארשווינדן — און דאָס אי-

א כלל—אויך די קעגנזייטיקע צוזאמענבונדן פון די מאַסן־יחידים. די מאַסע ווערט צעשטערט ווי אַ באַלאַניער פלעשל, ביי וועלכן מ׳האָט אָפּגעבראָכן דעם שפּיץ.

די אויפלייזונג פון אַ רעליגיעזער מאַסע קען מען אַזוי לייכט באמערקן. נישט לאַנג איז מיר ארייגעפאלן אין די האַנט אריין אַן ענגלישער ראָמאַן פון קאַטוילישן לעבן, וואָס איז רעקאמענדירט געווארן דורכן לאָנדאָנער בישאָף מיט דעם טיטל:

When it was dark 1), וואָס שילדערט אזא מעגלעכקייט פון אַ רעליגיעזער אויפלייזונג און אויך איר פועל־יוצא אויף אגעשיקטן און, ווי מיר דאַכט זיך, זער טרעפלעכן אופן. דער ראמאן שילדערט דאָס, גלייך ווי די זאך וואָלט פאָרגעקומען אין דער היינטיקער צייט: עס איז געלונגען א חברה פאַרשווע־רער, שונאים פון קריסטוסן און פון קריסטלעכן גלויבן, אויס־צוזוכן אין ירושלים א קבר אויף וועמענס אַן אויפשריפט ס׳איז זיך מודה יוסף פון ארימאַטעאַ, אַז ער האָט אויס פּיע־טעט סיבות ארויסגענומען קריסטוסנס גוף דריי טאָג נאָך דער קבורה און אים דאָ באגראבן. מיט דעם איז פארניכטעט גע־וואָרן די לעגענדע וועגן קריסטוסנס תחית־המתים אויפשטיין אין זיין געטלעכע נאטור, און דער פועל־יוצא פון דער דאָ־זיקער ארכעאָלאָגישער אנטדעקונג איז א דערשיטערונג פון דער אייראפּעאישער קולטור און אן אויסערגעוועגלעכע פארערונג פון געוואלטאטן און פארברעכנס, וואָס ווערן פארשווינדן ערשט דאַן, ווען ס׳איז אנטדעקט געווארן די פארשווערונג פון די שווינדלער.

דאָס וואָס עס טרעט דאָ ארויס אויפן ערשטן פלאן ביי דער וואַרשיינלעכער אויפלייזונג פון דער רעליגיעזער מאסע, איז נישט דער פחד, פאר וועלכן עס פעלט די סיבה, נאָר

1) „ווען ס׳איז געווען פינצטער".

ייקזיכטלאזע און פייגטלעכע אימפולסן קעגן אנדערע אימפולסן, וואס האָבן זיך ביז אהער נישט נעקענט ארויסווייזן, אדאנק דער גלייכער ליבע פון קריסטוסן. 1)

מחוץ דעם דאָזיקן צוזאמענבונד שטייען אבער בעת דער מלוכה פון קריסטוסן יענע אינדיווידומען, וואָס געהערן נישט צו דער גלויביקער געמיינדע. וואס האבן אים נישט ליב און וועלכע ער האָט נישט ליב; דעריבער מוז א רעליגיע, אפילו ווען זי איז די רעליגיע פון ליבע, ארויסטרעטן שטרענג און פיינטלעך קעגן די יעניקע, וואָס געהערן נישט צו איר. אין גרונט גענומען איז יעדע רעליגיע א רעליגיע פון ליבע פאר אלע, וואס זי נעמט ארום, און אין יעדער ליגט גרויזאמקייט און אומטאָלעראנץ קעגן די וואס שטייען נישט נאענט צו איר. מען דאַרף, ווי שווער עס זאל איינעם נישט זיין, נישט מאכן דעם גלויביקן קיין שווערע פארווורפן צוליב דעם. פאר נישט-גלויביקע און דיפערענטער איז עס אין דער הינזיכט פסיכאָ-לאגיש א סך לייכטער. אויב די דאזיקע אומטאָלעראנץ באווייזט זיך נים אין די היינטיקע צייטן אזוי געוואלטיק און אזוי מוראדיק ווי אין די פריערדיקע יארהונדערטער, דארף מען דערפון דרינגען די מילדערונג פון די מענטשלעכע זיטן. מ׳דאַרף גענוי זוכן די סיבה דערפון אין דער אומבאַשטיינגטער אָפּשוואַכונג פון די רעליגיעזע געפילן און אין די פון איר אָפּהענגיקע ליבידאָ צוזאַמענבונדן. אויב אויפן אָרט פון דער רעליגיעזע מאַסע טרעט אַרויס אן אַנדערע מאַסן-פאָרמאַציע, ווי עס איז דאַכט זיך, דער פאַל מיט דער סאָציאַליסטישער, וועט דאָ זיין אַלס רעזולטאַט דיזעלבע אומטאָלעראַנץ צו די פון דרויסן שטייע דיקע, פונקט ווי אין די צייטן פון רעליגיעזע מלחמות.

---

1) פארגלייך צו דעם די דערקלערונג פון די ענלעכע פענאמענס נאכן פארשווינדן ווערן פונם דעם אויטאריטעט פון דער פאמיליע ביי P. Federu. Die vaterlosse Geselschaft, Wien 19.9



צייכענונג פאַר נומער 72

VI

ווייטערדיקע אויפגאַבן און אַרבעטס-ריכטונגען.

מיר האָבן ביזאַהער אויסגעפאָרשט צוויי קינסטלעכע מאַסן און איינגעזען, אַז זיי זענען באַהערשט פון צוויי געפיל-צוזאַמענבונדן, פון וועלכע איינע, צום פירער, זעט אויס, ווייניקסטנס פאַר זיי — צו זיין מער פּאַסנדיקער ווי די אַנדערע, וואָס עקזיסטירט צווישן די מאַסן-יחידים.

אָבער אין דער מאָרפאָלאָגיע פון דער מאַסע איז נאָך פאַראַן אַ סך אויסצופאָרשן און צו באַשרייבן. מען דאַרף אַרויסגיין פון דער הנחה, אַז אַ בלויזע מענטשן-מענגע איז נאָך נישט קיין מאַסע, כּל-זמן עס זענען נאָך נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן יענע צוזאַמענבונדן. מ׳דאַרף אָבער מודה זיין, אַז אין יעדער מענטשן-מענגע טרעט זייער לייכט אַרויס די טענדענץ צו דער פאָרמירונג פון אַ פּסיכאָלאָגישער מאַסע. מען מוז שענקען אויפמערקזאַמקייט די פאַרשידנאַרטיקע, מער אָדער ווייניקע באַשטענדיקע מאַסן, וואָס קומען צושטאַנד ספּאָנטאַניש; מ׳דאַרף שטודירן די באַדינגונגען פון זייער אַנטשטייונג און צערפאַל. קודם-כּל אינטערעסירט אונז דער אונטערשיד צווישן די מאַסן, וואָס האָבן אַפירער און צווישן די, וועלכע האָבן

נישט אַ פירער. צי זענען נישט די מאַסן מיט פירער די אור־שפּר־נגלעכסטע און פאָלקאָמסטע? צי קען מען נישט אין די אַנדערע מאַסן פאַרטרעטן דעם פירער מיט אַן אידיי, מיט אַן אַבסטראַקט, פון וועלכע עס זענען אַן איבערגאַנגס־שטופע די רעליגיעזע מאַסן מיט א נישט זעבאַרן אַנפירער? צי איז נישט דער שטעלפאַרטרעטער פון אַן אַנפירער אַן אַלגעמיינע אידיי, אַ ווינטש, אין וועלכער עס נעמט אַן אָנטייל די מאַסע? דאָס דאָזיקע אַבסטראַקטע קען זיך ווידעראַמאָל, מער אָדער ווייני־קער פולקאָם, פאַרקערפערן אין אַ פערזענלעכקייט פון אַ צווייט־ראַנגיקן פירער, און פון דער באַציונג צווישן אידיי און פי־רער שטראָמען אַרויס אינטערעסאַנטע פארשידנאַרטיקייטן. דער פירער אָדער די פירנדיקע אידיי קענען אויך, אַזוי צו זאָגן, ווערן נעגאַטיוו; דער האַס קעגן אַ באַשטימטער פערזאָן אָדער אינסטיטוציע קען פונדעסטוועגן אויך ווירקן אלס פאַרייניקונגס־פונקט און ארויסרופן ענלעכע געפילס־צוזאמענבונדן, פונקט ווי די פאָזיטיווע. עס פרעגט זיך דאַן, צי דער פירער איז באמת נויטווענדיק פאַר דעם מהות פון דער מאַסע א.אַ.וו.?

אָבער די דאָזיקע אַלע פראגן, וואָס זענען טיילווייז אויך באַהאַנדלט געוואָרן אין דער ליטעראַטור וועגן דער מאַסן־פסי־כאָלאָגיע, וועלן נישט אימשטאַנד זיין אונז אראָפּצופירן פון די גרונט־פסיכאָלאָגישע פראָבלעמען, וואָס שטעלן זיך פאר אונז אין דער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט. מיר זענען צום ערשט געבונדן פון אַ באַטראכטונג, וואָס ברענגט אונז אויפן קורצסטן וועג צום באַווייז, אַז די ליבידא־צוזאמענבינדן כאַ־ראקטעריזירן די מאַסע.

מיר דערמאָנען זיך, ווי אַזוי די מענטשן פארהאלטן זיך בכלל איינער צום צווייטן אין אַפעקטיוון צושטאנד. לויט שאָפּענהויערס בארימטן פארגלייך פון די געפרוירענע ווילדע חזירים, פארטראגט קיין שום מענטש נישט קיין צופיל אינטימע נאָענטקייט פון אַ צווייטן. 1)

---

1) א „געזעלשאַפט פון ווילדע חזירים האט זיך אמאל. אין א קאלטן

לויט ווי עס באַהויפּטעט דער פּסיכאָ־אנאליז פּאלט אָפּ כמעט יעדע דויערהאַפטע אינטימע געפילס־פּארהעלטניש צווישן צוויי פּערזאָנען — אין חתונה, פריינטשאפט, עלטערן־און־קינדער־געפיל 1) אן אָפּזעצונג פון אָפּשטויסנדיקע, פיינטלעכע געפילן, וואָס ווערן נישט באקאנט אדאנק דאָס פארבארגן זיי. ווייניקער באהאלטן איז עס, בעת די צוויי קריגן זיך און ווען דער אינ־טערגעוואָרפענער מורמלט קעגן זיין איבערהערשער. דאָס זעלבע געשעט, ווען די מענטשן קומען זיך צוזאמען אין גרויסע מאַסן. יעדעס מאָל, ווען צוויי פאמיליעס פארבינדן זיך אדאנק דער חתונה, האלט זיך יעדע איינע פון זיי פאר די בעסטע אדער בכבודיקערע ווי די צווייטע. פון צוויי שכנותדיקע שטעט ווערט יעדע אנישט־פארגינערן, קאנקורענטין פון דער אנדערער, יעדע פּראָווינץ קוקט פון אויבן אראָפּ אויף דער צווייטער. נאָענט־קרובישע פעלקס־שבטים שטויסן אָפּ איינער דעם צווייטן. דער דרום־דייטש קען נישט ליידן דעם צפון־דייטש, דער ענגלענדער רעדט אויס אלדאס בייז אויפן שאטלענדער, דער שפאניער פאראכטעט דעם פּאָרטוגעזער. אז ביי גרעסערע דיפערענצן איז פאראן א נישט לייכטע שנאה, (דער גאליער קעגן גערמאנער

·דינטער טאג, צונויפגעדריקט נאענט איינער צום צווייטן, כדי זיך שיצן דורך דער געגנזייטיקער ווארימקייט פאר דער פראסט. אבער באלד האבן זיי דער־שפירט די קעגנזייטיקע שטעך, וואס האבן זיי ווידער דערווייטערט איינער פון צווייטן. ווען די באדערפעניש צו ווארימקייט האט זיי ווידער צוזאמענגעברענגט נאענט, דאן חזרט זיך איבער די זעלבע צרה, אזוי, אז זיי ווערן געווארפן הין און צוריק צווישן צוויי צרות, ביז זיי האבן אויסגעפונען א מעסיקע דערווייטערונג, אין וועלכער זיי האבן אמבעסטן געקענט אויסהאלטן״. (Parerga und Paralipomenall Teil, Gleichnisse und Parabeln),

1) אחוץ אפשר מיט דעם איינציקן אויסנאם פון דער באציונג צווישן א מוטער מיט א זון, וואס שטיצנדיק זיך אויף דעם נארציזם, ווערט זי נישט געשטערט דורך קיין שפּעטערדיקע ריוואליטעט און ווערט פארשטארקט דורכן אנטייל אין דעם אויסקלויב פון סעקסועלן אביעקט.

דער אריער קעגן סעמיס, דער ווייסער קעגן ''אלירטן) דאס האט אונז שוין אויפגעהערט צו חידושן.

ווען די פיינטשאפט ווענדט זיך קעגן די אמאל געליבטע פערזאנען, באצייכענען מיר דאס אלס געפיל אמביוואלענץ און מיר דערקלערן זיך דעם דאזיקן פאל, פארשטייט זיך, מיט א צופיל ראציאנעלן אופן, דורך די פארשידענסטע סיבות צו אינ- טערעסן-קאנפליקטן, וואס טרעפן זיך גראד אין די אינטימע באציונגען. אין די ארויסטרעטנדיקע נישט-פריינטלעכקייטן און אפשטויסונגען קעגן נאענט-שטייענדיקע פרעמדע קענען מיר גע- פונען דעם אויסדרוק פון אייגנליבע, פון נארציזם, וואס שטרעבט צו זיין זעלבסט באפעסטונג און פירט זיך אזוי אויף, גלייך ווי די עקזיסטענץ פון אונטערשיידן זיינע אינדיווידועלע פעיקייטן ברענגט מיט זיך א קריטיק פון די דאזיקע אייגנשאפטן און א פאדערונג זיי איבערצומאכן. פארוואס עס האט זיך געווארפן אזא גרויסע עמפינדלעכקייט גראד אויף די דאזיקע אי'נצלהייטן פון דער דיפערענצירונג ווייסן מיר נישט; עס איז אבער נישט אפצולייקענען. אז אין דעם דאזיקן פארהאלטן זיך פון מענטשן, ווערט אויסגעדרוקט די גרייטקייט צו האס, די אגרעסיווקייט, וועמעס אפשטאמונג ס'איז אומבאקאנט און וועלכע מען קען צושרייבן אן עלעמענטארן כאראקטער. 1)

אבער די גאנצע אומטאלעראנץ פארשווינדט, צייטווייליק אדער דויערנדיק, דורך דער פארמירונג פון א מאסע און אין דער מאסע. כל זמן די מאסע פארמירונג געדויערט, אדער אויפ- וויפיל זי דערגרייכט, פארהאלטן זיך די יחידים, גלייך ווי זיי וואלטן געווען גלייכפארמיק, זיי דערליידן די אייגנארטיקייט

---

1) אין א בוך, וואס איז ערשט נישט לאנג (1920) דערשינען -Jen seits des Ichs princip האב איך געפרווט צו פארבונדן די פאלארקייט פון ליבע און האס מיטן אנגענומענעם קעגנזאץ פון לעבן-און-טויט-נייגונג, או די סעקסועלע נייגונגען צו באטראכטן אלס די ריינסטע פארטרעטער פון ד ערשטע, פון לעבנס נייגונג.

פון א צווייטן, שעלן זיך גלייך מיט אים און שפירן נישט
קיין שום געפיל פון אפשטויסונג. אזא באגרענעצונג פון נאר־
ציזם קען לויט אונזערע טעאָרעטישע אנשויונגען אנטשטיין
נאָר דורך איין מאָמענט: דורכן ליבידאָ — צוזאמענבונד צו
אנדערע פערזאָנען. די אייגנליבע געפינט איר גרעניץ נאָר
אין דער ליבע צו אָביעקטן 1). מען וועט באלט שטעלן א פראַ־
גע: צי פירט נישט די אינטערעסן־געמיינשאַפט אן־און פאַר־זיך
און אין יעדן ליבידאָ־באציונג, צו דאס דולדן דעם צווייטן און
צו איינזען? די דאָזיקע טענה מוז פארענטפערט ווערן מיט
דעם, וואָס אויף אזא אופן קומט דאך נישט צושטאנד די בליי־
בנדיקע באגרענעצטקייט פונם נארציזם, ווייל די דאזיקע טאלע־
ראַנץ געדויערט נישט לענגער, ווי דער דירעקטער ריוח, וואָס
מען האָט פון דער מיטארבעט מיט אַן אנדערן. אָבער דער
פראַקטישער ווערט פון דער דאָזיקער שטרייט־פראַגע איז אסך
קלענער ווי מען מיינט, ווייל די דערפארונג האָט געוויזן, אז
אין פאל פון מיטארבעט ווערן איינגעשטעלט רעגלמעסיקע לי־
בידאָ צוזאמענבונדן צווישן די חברים, וואס פארלענגערן און
פיקסירן מער ווי דער ריוח. אין די סאציאלע באציונגען פון
מענטשן געשעט דאס זעלבע וואס עס איז באקאנט דער פסי־
כא־אנאליטישער פאָרשונג אין דעם אנטוויקלונגס־גאנג פון דעם
אינדיווידועלן ליבידאָ. דער ליבידאָ שטיצט זיך אויף דער
באפרידיקונג פון די גרויסע לעבנס־באַדערפענישן און קלויבט
אויס די אין זיי באטייליקטע פערזאָנען אלס ערשטע אביעקטן.
און פונקט ווי ביים יחיד, אזוי אויך אין דער אנטוויקלונג
פון דער גאנצער מענטשהייט האָט נאָר געווירקט דער ליבידאָ
אלס קולטור פאקטאָר אין זין פון א קער פונם עגאָאיזם צו
אלטרואיזם. און אזוי אויך, די געשלעכטלעכע ליבע צו דער פרוי

1) זע: Zur Einfürung des Narzismus 1919. samung kleiner Schriften zur Newrosenlehre, vierte Folge 1918.

צוזאמען מיט אלע פון איר ארויסדרינגנדיקע נויטיק טן. זי שוינט אלץ, וואָס איז אנגענעם דער פרוי, פונקט ווי די דע־סעקסואליזירטע, סובלימירטע האמאָסעקסועלע ליבע צו אן אַנדערן מאנספּערזאָן, וואָס אנטשטייט פון אַ בשותּפותדיקער צוזאַמענאַרבעט.

אלזאָ, אויב אין דער מאסע קומען פאר באַגרענעצונגען פון דער נארציסטישער אייגנליבע, וואָס עקזיסטירן נישט מחוץ דער מאסע איז דאָס אן אפּלייקנבארער באוויז פון דעם, אז דער מהות פון דער מאַסן פאָרמירונג באשטייט אין נייע זיך־פארפירנדיקע צוזאמענבונדען פון מאסן־מיטגלידער איינער צום צווייטן.

איצט אבער פרעגט זיך דרינגנדיק, פון וואסער ארט זענען די דאָזיקע צוזאמענבונדן: אין דער פּסיכאָ־אנאליטישער לערע וועגן נעוראָז האָבן מיר זיך ביז אהער באשעפטיקט מיט דעם צוזאַמענבונד פון אזעלכע ליבע־בייגונגען צו זייערע אָביעקטן, וואָס האָבן פארפאלגט דירעקטע סעקסועלע צילן. וועגן אזעלכע סעקסועלע צילן, קען פארשטייט זיך, נישט זיין קיין רייד אין דער מאַסע. דא האבן מיר צוטון מיט ליבע נייגונגען, וועלכע, הגם זיי ווירקן ווי ניקער ענערגיש, שטאַמען זיי דאָך אָפּ פון זיינע אורשפּרינגלעכע צילן. אין די ראמען פון דער געוויינלעכער סעקסועלער אביעקט־באהערשונג האָבן מיר שוין באמערקט דערשיינונגען, וואס אַנטשפּרעכן דער אָפּנייגונג פון דער נייגונג פונם סעקסועלן ציל. מיר האָבן דאָס באַשריבן אלס שטופּע פון פאַרליבטקייט און אנערקענט, אַז זי ברענגט מיט זיך אַ געוויסע איינשפּאָרונג פונם „איך“. מיר וועלן דאָ לייגן גרויס אויפמערקזאַמקייט אויף די דאָזיקע דערשיינונגען פון פארליבטקייט, האָבנדיק א יסוד צו האָפן, אז מיר וועלן געפינען אין זיי די פארהעלטנישן וואָס קענען איבערגעטראָגן ווערן אויף די צוזאמענבונדן פון דער מאסע. חוץ דעם וואָלטן מיר אליין געוואָלט וויסן, צי דער דאָזיקער אַרט פונם באַזיץ פון אָביעקט, ווי מיר ווייסן דאָס פון געשלעכטס לעבן, שטעלט מיט זיך פאָר דער איינציקער אופן פון געפילס־צוזאַ־

מענבונד, אָדער צי קענען גענומען ווערן אין באטראַכט נאָך אַנדערע מעכאַניזמען פּאַקטיש. ווייסן מיר פון דעם פּסיכאָ-אַנאַ-ליז, אַז עס זענען פאַראַן נאָך אַנדערע מעכאַניזמען פון גע-פילס-צוזאַמענבינדן, — די אזוי גערופענע אידענטיפיצי-רונגען— וואָס זענען נישט גענוג באקאנט און שווער צו דערקלערן און וועמעס אויספאָרשונג דערווייטערט אונז אויף אגעוויסע צייט פון דער טעמא מאַסן-פּסיכאָלאָגיע.

די אידענטיפיצירונג.

VII

די אידענטיפיצירונג איז באַקאַנט אינם פסיכאָ-אַנאַליז אַלס די פריסטע דערשיינונג פון אַ געפילס-צוזאַמענבונד צו אַן אַנדערער פערזאָן. זי שפּילט אַראָל אין דער פאָרגעשיכטע פון דעם עדיפּ-קאָמפּלעקס. א קליין יונגל האָט אַ באַזונדערן אינטע-רעס צו זיין פאטער, ער וואָלט געוואָלט זיין אזוי ווי ער, זיין אויף זיין אָרט אין אלע פאלן. זאָגן מיר מיט אַ רויק געוויסן: דער פאטער ווערט זיין אידעאַל. דאָס דאָזיקע פאַר-האַלטן זיך האָט גאָרנישט צו טון מיט א פּאסיווער אָדער פרוי-ענלעכער שטעלונג צום פאָטער (און צום מאַנספּערזאָן בכלל), דאָס איז אסך מער אויסשליסלעך מעגלעך. עס איז דורכויס אין הסכּם מיט דעם עדיפּ-קאָמפּלעקס, וועלכער העלפט אים צוגרייטן. אין דערזעלבער צייט פון דער אידענטיפיצירונג מיטן פּאטער, אָדער עטוואָס שפּעטער, האָט דאָס יונגל אָנגעהויבן באציען זיך צו דער מוטער ווי צו אן אָביעקט פון א ווידער-שטענדישן טיפּ. ער ווייזט, אלזא, צוויי פּסיכאָלאָגישע צוזאַמענ-בונ[illegible]: צו דער מוטער אַ ריינע סעקסועלע אָביעקט-בייגונג, צום

פאָטער אַן אידענטיפיצירונג אלס אידעאַל. די דאָזיקע ביידע
צוזאַמענבונדן עקזיסטירן איינער לעבן צווייטן, אָן קעגנזייטי-
קער השפעה אָדער שטערונג. אַלס פועל-יוצא פון דער נישט-
אויפהאַלטנדיקער פראָגרעסירנדיקער פאַראייניהייטלעכונג פון
גייסטיקן לעבן, באַגעגנען זיי זיך ענדלעך און דורך דעם דאָ-
זיקן צוזאַמענטרעף אַנטשטייט דער נאָרמאַלער עדיפּ-קאָמפּלעקס.
דער קליינער באַמערקט, אז דער פאָטער שטייט אויפן וועג
צו זיין מוטער; זיין אידענטיפיצירונג מיט דעם פאָטער נעמט
יעצט אָן א פיינטלעכע ריכטונג און זי ווערט אידענטיש מיט
דעם ווונטש צו פאַרנעמען דעם פאָטערס אָרט אויך ביי דער
מוטער. די אידענטיפיציונג איז אויך פון אָנהייב אָן אמבי-
וואלענט, זי קען זיין אַן אויסדרוק פון צערטלעכקייט, ווי אויך
דער ווונטש צו באַזייטיקן אים. זי פירט זיך אויף ווי אַן אָפּ-
שטאַמונג פון דער ערשטער אָראַלער פאזע פון דער ליבידאָ-
אָרגאַניזאַציע, אין וועלכן זי פאַרקערפּערט דעם באַגערטן און
געשעצטן אָביעקט דורך דער פאַרמיטלונג פון עסן און דערביי
פאַרניכטעט זי אים אלס אַזעלכן. דער קאניבאַל בלייבט, ווי
באַקאַנט, שטיין אויף דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט; ער האָט ליב
אויפצופרעסן זיינע שונאים, און ער פרעסט נישט אויף די
יעניקע, וועלכע ער קען ווי-עס-איז אַמאָל ליב האָבן. 1)
דעם גורל פון דער דאָזיקער אידענטיפיצירונג פאַרלירט
מען שפּעטער לייכט אויסן אויג. עס קען דאַן געשעען, אַז
דער עדיפּ-קאָמפּלעקס באַקומט דאַן אַ פאַרקערטע ריכטונג, אז
דער פאָטער ווערט גענומען אין א פרויענ כער מאָס, ווי אַן
אָביעקט, פון וועלכן די סעקסועלע נייגונגען וואַרטן אויף זייער

1) זע. „Drei Abhandlungen zur sexualtheorie“ und
Abraham. „Untersurungen uber die früeste prägenita
Entwiklungs der Libido „Inter Zeitschr f, Psycho analyls
IY, 1916, auch in dessen klinische Beitrage zur Psychoanaly-
se“. Intern. Psychoanalyt. Bibliotek. Bd. 10, 1921.

באַפרידיקונג. און דאַן ווערט די אידענטיפיצירונג דער פּאַר-לויפער פון דעם צוזאַמענבונד פון אָביעקט צום פאָטער. דאס זעלבע גילט אויך ביים פאַל פון די זעלבע באַציונגען פון אַ קליינע טאָכטער צו א מוטער.

עס איז לייכט צו פאָרמולירן דעם אינטערשיד צווישן אַזאַ אידענטיפיצירונג פון פאָטער און דער אויסקלויב פון פאָ-טער אַלס אָביעקט. אין ערשטן פאַל איז דער פאָטער דאָס, וואס מען וויל זיין, אין צוויטן — דאָס, וואָס מען וויל האָבן. עס איז, אלזאָ, דער אינטערשיד אין דעם, צי דער צו-זאַמענבונד געפינט דעם סוביעקט אָדער אָביעקט פונם „איך". דעריבער איז מעגלעך די עקזיסטענץ פון דער ערשטער נאָר פאַרן אויסוויילן פון א סעקסועלן אביעקט. עס איז זער נישט לייכט צו שילדערן דעם דאָזיקן אינטערשיד פון מעטא-פּסיכאָ-לאָגישן שטאַנדפונקט. מען דארף נאָר אנמערקן, אז די אידענ-טיפיצירונג שטרעבט נאָר צו דער פאָרמולירונג פון אייגענעם „איך" לויטן ביישפּיל פון אן אנדערן מענטש, וועלכער ווערט גענומען אלס „אידעאַל"

פון א פאַרפּלאָנטערטן צוזאַמענהאַנג נעמען מיר ארויס די אידענטיפיצירונג ביי אַ נעוואָזישן סימפּטאָם-קאָמפּלעקס. דאָס קליינע מיידעלע, וואָס מיר אָבסערווירן איצט, באַקומט דעם זעלבן ליבידאָ-סימפּטאָם ווי איר מוטער, למשל, דעם זעלבן פיינלעכן הוסט. דאָס קען פאָרקומען אויף פערשידענע וועגן. די אידענטיפיצירונג איז די זעלבע ווי פון דעם עדיפּ-קאָמפּלעקס, וואָס באַטייט דעם פיינטלעכן ווונטש צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער מוטער, און דער סימפּטאָם איז אַן אויסדרוק פון ליבע צום פאָטער, ווי צו אַן אָביעקט; זי רעאַליזירט דאָס פאַרנעמען דער מוטערס אָרט אונטערן איינפלוס פונם שולד באַוווסטזיין: דו האָסט געוואָלט זיין מוטער, איצט ביזטו עס, ווייניקסטנס אין די ליידן. דאָס איז דער קאָמפּלעטער מעכאַניזם פונם היס-טערישן סימפּטאָם. אָדער, אָט דער סימפּטאָם איז דער זעלבער ווי דער סימפּטאָם פון דער געליבטער פערזאָן (ווי, למשל, דאָרע, אין Bruchstück einer Hysterieanalyse מאַכט נאָך דעם הוסט פון

פּאַטער), דאַן קענען מיר פאַרשטיין דעם מהות פון דער זאַך אַזוי: די אידענטיפיצירונג האָט פאַרנומען ס׳אָרט פונם אָביעקט-אויסקלויב. דער אָביעקט אויס-קלויב איז דעגראַדירט געוואָרן ביז צו אידענטיפי-צירונג. מיר האָבן געהערט, אז די אידענטיפיצירונג איז די פריסטע און אורשפּרינגלעכסטע פאָרם פון געפילס-צוזאַמענבונד. אין די פאַרהעלטנישן פון דעם סימפּטאָמס אַנטשטייונג, ס׳הייסט, פון איר ארויסדרענגונג און ביי דער הערשאַפט פון מעכאַניזם פונם אומבאַוווּסטזיניקן, קומט אָפּט פאָר, אַז דער אויסקלויב פונם אָביעקט ווערט ווידער אַן אידענטיפיצירונג. אַלזאָ, דער „איך״ נעמט אויף זיך די אייגנשאַפטן פונם אָביעקט. עס איז באַמערקנסווערט, אַז דער „איך״ קאָפּירט בעת די דאָזיקע אי-דענטיפיצירונגען אַמאָל די נישט געליבטע, אמאל די געליבטע פּערזאָן. עס איז פאַר אונז אויך אויפפאַלנדיק, וואָס ביידע מאָל איז די אידענטיפיצירונג א טיילווייזע, אַ שטאַרק באַגרעני-צטע, דערמיט, וואָס זי באָרגט נאָר ארויס אַן איין איינציקן שטריך פון דער פּערזאָן, וואָס דינט אַלס אָביעקט.

דער דריטער, באַזונדערס אָפטער און וויכטיקער פאַל ביי דער פאָרמירונג פון סימפּטאָם, איז, ווען די אידענטיפיצירונג לייגט נישט קיין אכט אויפן אָביעקט-פאַרהעלטניש פון דער קאָ-פּירטער פּערזאָן. ווען, למשל, אַ מיידל אין אַ פּענסיאָנאַט האָט באַקומען אבריוו פון איר געהיימען פאַרליבטן, וואָס דערוועקט ביי איר אייפערזוכט און זי רעאַגירט דארויף מיט אַ היסטערישן אָנפאַל, וועלן אייניקע פון אירע חברטעס, וואָס ווייסן דערפון, באַקומען דעמזעלבן אָנפאַל, ווי מיר זאָגן, דורך דער פּסיכישער אינפעקציע ‚אנשטעקונג). דאָ איז פאַראַן דער מעכאַניזם פון אידענטיפיצירונג, וואָס קומט פאָר אויפן יסוד פון ווונטש אָדער פון קענען געפונען זיך אין דערזעלבער לאַגע. די אַנדערע וואָלטן אויך געוואָלט האָבן געהיימע ליבע-באַציונגען און זיי אַקצעפּטירן אונטערן איינפלוס פון שולד-באַוווּסטזיין די דערמיט פאַרבונדענע ליידן. ס׳וואָלט געווען נישט ריכטיק צו באַהויפּטן, אַז זיי נעמען פאַר זיך צו דעם דאָזיקן סימפּטאָם אויס מיטגע-

פיל. פאַרקערט, דאָס מיטגעפיל אַנטשטייט ערשט פון דער אידענטיפיצירונג, און דער באַוויז דערצו איז וואָס אַזעלכע אַנשטעקונגען אָדער אימיטירונגען קומען פאר אויך אונטער אַזעלכע אומשטענדן, ווען אפילו די סימפּאַטיע איז קלענער פון דער, וואָס איז פאראן צווישן די פריינדינס אין אַ פּענסיאָנאַט. איין „איך" האָט דערפילט אַ וויכטיקע אנאלאָגיע אין איין פּונקט ביי אַן אַנדערן. — למשל, אין דער גלייכער גרייטקייט צו אַ געפיל, — עס אַנטשטייט אויף דעם באָדן אַן אידענטיפיצירונג אין איין פּונקט, און אונטערן איינפלוס פון דער פּאַטאָגענער 1) סיטואַציע רוקט זיך איבער די אידענטיפיצירונג צום סימפּטאָם וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרן דורכן „איך", די אידענטיפיצירונג דורכן סימפּטאָם ווערט, אזוי ארום, א סימן פון אַ באַהאַלטן אָרט פאַר ביידע „איך'ס", וועלכע דאַרפן ארויסגעשטויסן ווערן.

דאָס געלערנטע פון די דאָזיקע דריי קוועלן קענען מיר צוזאַמענעמען אזוי: ערשטנס: די אידענטיפיצירונג איז די אורשפּרינגלעכע פאָרם פון אַ געפילס-צוזאַמענבונד, צווייטנס, אַז זי ווערט אויף אַן אַרעגרעסיוון וועג דער ערזאַץ פון אַ ליבידאָ-אָביעקט-צוזאַמענבונד פּונקט ווי דורך אינטראָיעקציע 2) פון אָביעקט אינם „איך". דריטנס, אז זי קען אנטשטיין ביי יעדער נייבאַמערקטער געמיינזאַמקייט מיט אַ פּערזאָן, וואָס איז גישט דער אָביעקט פון סעקסועלער נייגונג. וואָס באַטייטנדיקער ס'איז אָט די געמיינזאַמקייט, אַלץ דערפאָלגרייכער מוז ווערן די דאָזיקע טיילווייזע אידענטיפיצירונג, און אזוי אויך פאַסט זי זיך צום אנפאַנג פון א נייעם צוזאַמענבונד.

מיר טראַכטן אפילו, אַז דער קעגנזייטיקער צוזאַמענבונד פון די מאסן-אינדיווידואומען איז לויט זיין נאַטור אַזאַ אידענטיפיצירונג דורך אזוויכטיקער אפעקטיווער-געמיינזאַמקייט, און מיר קענען זיך משער זיין, אַז די דאָזיקע געמיינזאַמקייט

---

1) קראנקהאפטע

2) ארייננעמען זיך

באַשטייט אין דעם צוזאַמענבונד מיטן פירער. אַן אנדערע אַנוונג קען אונז זאָגן, אַז מיר זענען ווייט דערפון צו האַלטן, אז די פּראָבלעם פון אידענטיפיצירונג איז מיט דעם אויסגעשעפּט, אַז מיר שטייען פאַר דער פאדער-טיר פון דעם, וואָס די פּסיכאָ-לאגיע רופט אָן „אנפילונג", און וואס האָט דעם גרעסטן חלק אין אונזער פאַרשטענדניש פאר דעם פרעמדן „איך" ביי אַנדערע פערזאָנען. מיר וועלן זיך דאָ באשרענקן אויף די נאָענטסטע ווירקונגען פון דער אידענטיפיצירונג און לאָזן אין אַ זייט איר באַטייט פאר אונזער אינטעלעקטועל לעבן.

די פּסיכאָ-אַנאַליטישע פאָרשונג, וואָס האָט שוין ביי אַ געלעגנהייט אויך באַרירט די שווערע פּראבלעמען פון פּסיכאָז, קען אונז אויך ווייזן די אידענטיפיצירונג אין אנדערע פאלן, וואס זענען נישט פארשטענדלעך פאר אונז אָן ווייטערדיקע דער-קלערונגען. צוויי פון די דאָזיקע פאלן וועל איך אויספירלעך באהאַנדלען אלס שטאָף פאַר אונזערע ווייטערדיקע באטראַכ-טונגען.

די געבנעזע (שורש) פון דעם מענלעכן, האמאָ-סעקסואַליזם איז אין אַ גרויסער ריי פון פאַלן אזאַ: דער יונגערמאַן איז אַ זייער לאַנגע צייט אינטענסיוו געווען פיקסירט צו זיין מוטער, אין זין פון עדיפּ-קאָמפּלעקס. ענדלעך קומט, נאָך דער סעקסו-עלער רייפקייט, די צייט צו פאַרבייטן די מוטער מיט אַן אַנ-דערן סעקסועלען-אָביעקט. דאָ געשעט אַ פּלוצלינגע ווענדונג: דער יונגער מאַן פארלאזט נישט זיין מוטער נאָר אידענטיפי-צירט זיך מיט איר, ער פערוואַנדלט זיך אין איר און ער זוכט יעצט אָביעקטן, וואָס זאָלן פאַרטרעטן זיין „איך", וועלכן ער זאָל קענען אַזוי ליב האָבן און צערטלען, ווי זיין מוטער האָט דאס געטון מיט אים. דאס איז אַן אפטער פּראָצעס, וואָס קען, באַשטעטיקט ווערן אין יעדן באַליביקן פאַל און איז, נאַטירלעך גאַנץ אומאָפּהענגיק פון וואָסער-עס-איז השערה, וואָס מען מאַכט איבער דער ארגאַנישער נייגונג און מאָטיוון פון יענער אומגע-ריכטער פארוואַנדלונג. אין דער דאָזיקער אידענטיפיצירונג איז אויפפאַלנדיק איר שטארקייט. זי פאַרוואַנדלט דעם „איך" אין

אַ העכסט וויכטיקער טייל. זי פאַרוואַנדלט אים אין אַ סעקסועלן כאַראַקטער, לויט דעם פּראָטאָטיפּ פון דעם ביזאַהעריקן אָבּ-יעקט. דערביי ווערט פאַרלאָזן דער אָביעקט, צי אינגאַנצן, אָדער נאָר אין דעם זין, וואָס ער בלייבט אינם געביט פון אומבאַ-ווּסטזיניקן — דאָס געהער נישט צו אונזער דיסקוסיע. די אידענטיפיצירונג מיט דעם פאַרלאָזענעם אָדער פאַרלוירענעם אָביעקט אַלס ערזאַץ פון דעם זעלבן, די אינטראָיעקציע פונם דאָזיקן אָביעקט אינם „איך", איז שוין, אַלנפאַלס, נישט קיין נייס פאַר אונז. אַזאַ פּראָצעס לאָזט זיך געלעגנטלעך אוממיטלבאַר באַאָבּאַכטן ביי אַ קליין קינד. ערשט נישט לאַנג איז אין דער Jnternationale Zeitsch-rift für Psychoanalisy פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַזאַ אָבסערווירונג איבער אַ קינד, וואָס האָט זיך געפילט אומגליקלעך צוליבן פאַרלוסט פון אַ קעצעלע, און האָט, נישט קיין סך טראַכטנדיק, דערקלערט אַז עס איז יעצט אַליין אַ קעצעלע און צופּאַסנדיק זיך צו דעם איז עס געקראָכן אויף אַלע פיר, נישט געוואָלט עסן ביים טיש א. א. וו, 1)

אַ צווייטן ביישפּיל פון אַזאַ אינטראָיעקציע פון אָביעקט האָט אונז געגעבן דער אַנאַליז פון מעלאַנכאַליע, וועמעס אפעקט ציילט צווישן זיינע סיבות דעם רעאלן אָדער כלומרשטן פאַרלוסט פונם געליבטן אָביעקט. דער הויפּט-כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן פאַל איז די גרויזאַמע זעלבסטדערנידערונג פון „איך" צוזאַ-מען מיט דער אומבּרחמנותדיקער קריטיק און ביטערע זעלבסט-פאַרוואורפן. די אַנאַליזן האָבן דערוויזן, אַז די דאָזיקע אונטער-שאַצונגען און פאָרוואורפן באַציען זיך אין גרונט אויפן אביעקט און שטעלן מיט זיך פאַר די נקמה פונם „איך", „דער שאָטן פונם אָביעקט איז געפאלן אויפן „איך", האָב איך געזאָגט אויף

---

1) Markuszewicz: Beitrag zum autistischen Denken bei Kindern. Internationale Zeitschrift für Psychanalyse VI, 1920.

אַן אַנדער אָרט 1). די אינטראָיעקציע פונם אָביעקט זעט זיך ארויס מיט אַן אויסערגעוויינלעכער בולטקייט.

די מעלאנכאליע ווייזט אבער נאָך עפּעס אַנדערש, וואָס קען וויכטיק ווערן פאַר אונזערע שפּעטערדיקע באטראכטונגען. זי ווייזט אונז א צעטיילטן „איך", וואָס איז צעפאלן אויף צוויי חלקים, פון וועלכע איינער ווילדעוועט קעגן צווייטן. דער אַנדערער חלק איז יענער, וואס איז פאַרענדערט געוואָרן דורך דער אינטראָיעקציע. דער חלק, וואָס שליסט אין זיך איין דעם פארלוירענעם אָביעקט. אָבער אויך דער חלק, וואָס ווילדעוועט אזוי, איז אונז נישט אומבאַקאַנט. ער שליסט אין זיך איין דאָס געוויסן, אַ קריטישע אינסטאַנץ אינעם „איך", וואָס פאַרהאַלט זיך קריטיש צום „איך" אויך אין נאָרמאַלע צייטן, אבער קיינמאָל נישט אזוי אומברחמנותדיק און אזוי אומגערעכט. מיר האָבן שוין ביי א פריערדיקער געלעגנהייט געמאַכט די השערה, (Narzismus, Traum und Melancholie) [2], אַז פון אונזער „איך" אנטוויקלט זיך אַזא אינסטאַנץ, וואָס קען זיך אָפּזונדערן און אריינטרעטן אין אַ קאָנפליקט מיט אַן אנדערן „איך". מיר האָבן דאָס אָנגערופן „איך אידעאַל" און אים צוגעשריבן פונקציעס פון זעלבסט באַאָבאכטונג, דאָס מאראלישע געוויסן, די צענזור פון חלום און די הויפּט־ראָל ביים ארויסשטויסן. מיר האָבן געזאָגט, אַז עס איז דער יורש פון אורשפּרינגלעכן נארציזם, אין וועלכן עס האָט זיין זעלבסט־באַפרידיקונג דער קינדישער „איך". שטופנווייז נעמט ער ביי די איינפלוסן פון דער סביבה די פאָדערונגען, וועלכע די סביבה שטעלט דעם „איך" און וועלכע דער „איך" קען נישט שטענדיק נאָכקומען, אזוי איז דער מענטש, ווען ער קען נישט זיין צופרידן מיט זיין אייגענעם „איך", קען ער געפינען זיין באַפרידיקונג פון דעם איך־דיפערענצירטן „איך אידעאל". ווייטער האָבן מיר פעסטגע-

---

2) Trauer und Melanchole, Sammlung kleiner schriften zur Neurosen lehre, IV, Folge, 1918.

שטעלט, אז אינם כשוף-פלאָנטער פון באָאַבאַכטונג ווערט באַ-שיינפערלעך דער צופאַל פון דער דאָזיקער אינסטאַנץ און דערביי ווערט אַנטדעקט איר אָפּשטאַמונג: די איינפלוסן פון די אויטאָריטעטן. קודם-כל פון די עלטערן 1) מיר האָבן אָבער נישט פערגעסן אָנצווייזן, אַז די מאָס צווישן דער ווייטקייט פון דאָזיקן „איך אידעאַל" אין דעם אקטועלן איך וואריאירט זיך ביי יעדן איינציקן אינדיווידואום, און ביי אַ סך דערגייט די דאָזיקע דיפערענצירונג פונם „איך" נישט ווייטער, ווי ביי אַ קינד.

אָבער איידער מיר וועלן אָנווענדן דעם דאָזיקן מאַטעריאַל כדי צו פארשטיין די ליבידאָ-ארגאניזאציע פון א מאסע, מוזן מיר נעמען אין אכט אייניקע אנדערע וועקסלנדיקע באַציונגען צווישן אָביעקט און „איך". 1).

---

1) Zur Einfürung des Narzissmus 1. c

2) מיר ווייסן גאנץ גוט, אז מיט די דאזיקע ביישפילן, גענומען פון דער פאטאלאגיע, האבן מיר נאך נישט אויסגעשעפּט דעם מהות פון דער אידענטיפיצירונג און אזוי ארום נישט באריירט נאך דעם רעטעניש פון דער אנטשטיי-ונג פון דער מאסע. דא מוז מען אונטערנעמען א גרונטלעכערן און ארומנעמנדיקן פסיכאלאגישן אנאליז. פון דער אידענטיפיצירונג פירט א וועג, דורכן נארמאלן, צו דער „איינפילונג", ד-ה צו דער פארשטענדניש פון מעכאניזם, דורך וועלכן עס ווערט אונז איבערהויפּט מעגלעך צו נעמען א שטעלונג צום גייס-טיקן לעבן פון אן אנדערן מענטש. אויך וועגן די דערשיינונגען פון א פארא-ענער אידענטיפיצירונג איז נאך דא א סך אויפצוקלערן. צווישן אנדערן איז איר פועל יוצא, וואס מען באגרעניצט די אגרעסיע קעגן א פערזאן מיט וועל-כער מען האט זיך אידענטיפיצירט, מען שוינט זי און מען העלפט איר ארויס. דאס שטודירן אזעלכע אידענטיפיצירונגען, וואס זענען, למשל, דער יסוד ביי די קלאן-(שבט) געמיינשאפטן, האט געגעבן Robertson Smith דעם איבערראשנדיק רעזולטאט, אז זיי שטיצן זיך אויף דער אנערקענונג פון א געמיינזאמער סוב-סטאנץ Kinship und Marriage 1885 און דעריבער קענען זיי געשאפן

VIII

פאַרליבטקייט און היפּנאָז.

דער געברויך פון דער שפּראַך בלייבט אפילו אין אירע
קאַפּריזן געטריי עפּעס אַ ווירקלעכקייט. אזוי רופט זי אָן „לי-
בע" די פילפאכיקע געפיל-געדאַנקען, וועלכע מיר פאסן אויף
אויף טעאָרעטיש אלס ליבע, אָבער זי צווייפלט באלט, צי די
דאָזיקע ליבע איז די אייגנטלעכע, ריכטיקע, אמתע, און אזוי
ארום ווייזט זי אָן אויף אַ גאנצער שטופן-לייטער פון מעגלעכ-
קייטן אין די ליבע פענאמענס. עס וועט אונז אויך נישט
שווער זיין אויסצוגעפונען אין דער באַאָבאכטונג די דאָזיקע
שטופן-לייטער.

אין אַ ריי פאלן איז די פאַרליבטקייט נישט אנדערש ווי
דאָס געפונען אן אָביעקט מצד דער סעקסועלער נייגונג פארן
צוועק פון דירעקטער סעקסועלער באַפרידיקונג, און די דאָזיקע
פאַרליבטקייט פאַרשווינדט צוזאַמען מיטן דערגרייכן פונם דאָזיקן
ציל; דאָס איז דאָס, וואָס מ'רופט אן פשוטע, זינלעכע ליבע.
אָבער, ווי באַקאַנט, בלייבט די ליבידא-סיטואַציע זעלטן אזוי איינ-
פאַך. די זיכערקייט מיט וועלכער מען קען רעכענען אויף דעם ווידער-
דערוואַכן פון דער נאָר-וואָס פערלאָשענער באדערפעניש, האָט גע-

---

דורך א געמיינזאמער גענומענער מאלצייט. דער דאזיקער שטריך דערלויבט
פארבונדן אזא אידענטיפיצירונג מיט דער פון מיר אין „Totem und Tabu"
קאנסטרואירטער אור-געשיכטע פון דער מענטשלעכער פאמיליע

מוזט זיין דער צווייטער מאָטיוו, צו פילן א דויערהאַפטיקע נייגונג צום סעקסועלן אָביעקט, און אויך צו „ליבן" אים אין דער פון ליידנשאַפט פרייער צווישנצייט.

פון דער נייער מערקווירדיקער אַנטוויקלונגס-געשיכטע פון דעם מענטשלעכן ליבע-לעבן דרינגט ארויס א צווייטער מאָמענט. דאָס קינד האָט אין דער ערשטער אָפגעשלאָסענער פאַזע, ס'רוב גאָך פינף יאָר, געפונען זיין ליבע אָביעקט אין איינעם פון זיינע עלטערן, אויף וועלכן ס'האָבן זיך פאררייניקט אַלע זיינע סעקסועלע אינסטינקטן, וואָס פאדערן א באַפרידיקונג. די באַפרידיקונג, וואָס קומט דאַן שפעטער, צווינגט דעם קינד אַפּצוזאָגן זיך פון דעם חוב פון די קינדישע סעקסועלע צילן און לאָזט איבער א טיף גייענדיקע מאדיפיצירונג פון די פאַרהעלטנישן צו די עלטערן.

דאָס קינד בלייבט ווייטער צוגעבונדן צו די עלטערן, אָבער מיט אינסטינקטן, וואס מען מוז אָנרופן „ציל געהאַמעוועטע". די געפילן, וואָס עס פילט פון דעמאָלט אָן פאַר די דאָזיקע געליבטע פערזאָנען, ווערן באַצייכנט אַלס „צערטלעכע". עס איז באַקאַנט, אַז אין געביט פון אומבאַוווסטזיניקן בלייבן מער אָדער ווייניקער באַהאַלטן די פריערדיקע „זינלעכע" שטרעבונגען, אַזוי אַז דער אורשפּרינגלעכער שטראם בלייבט ווייטער אין א געוויסן זין. 1)

צוזאַמען מיט דער סעקסועלער רייפקייט אַנטוויקלען זיך, ווי באַקאַנט, נייע זייער אינטענסיווע שטרעבונגען כדי צו דערגרייכן דירעקטע סעקסועלע צילן. אין אומגינסטיקן פאַלן בלייבן זיי אָפגעטיילט אַלס זינלעכע שטרעמונגען פון די דויערהאַפטיקע „צערטלעכע" געפיל-ריכטונגען. מיר האָבן דאָ פאַר זיך א בילד, וועמעס ביידע זייטן ווערן מיט גרויס חשק אידעאַליזירט פון געוויסע ריכטונגען אין דער ליטעראַטור. דער מאַנספּערזאָן ווייזט שווערמערישע נייגונגען צו הויכגעאַכטעטע פרויען, וואָס רייצן

---

1) זע: Sexualtheorie. 1, c.

אים אָבער נישט צו אַ ליבע-פאַרקער, און ער איז נאָר פּאַטענט אין באַצוג צו אַנדערע פרויען, וואָס ער „ליבט" זיי נישט, שעצט זיי גרינג, אדער פאראכטעט זיי גאר. 2) אָבער עפטערס געלונגט דעם יונגעמאַן אַ געוויסע מאָס פון אַ סינטעזע צווישן דער נישט זינלעכער הימלישער און דער זינלעכער, ערדישער ליבע, און זיין פאַרד-העלטניש צום סעקסועלן אביעקט כאַראַקטעריזירט זיך מיט דעם צוזאמענווירקן פון די נישט געהאמעוועטע און ציל-געהאַמעוועטע אינסטינקטן. לויטן סכום פון די ציל-געהאַמעוועטע צערטלעכקייט-נייגונגען קען מען מעסטן די הויך פון דער פארליבטקייט אין קעגנזאַץ צו די בלויזע זינלעכע באַגערן.

אין די ראַמען פון אָט דער פאַרליבטקייט, וואַרפט זיך אונז גלייך אין די אויגן דער פענאָמען פון דער סעקסועלער איבערשאַצונג, דער פאַקט, וואָס דער געליבטער אָביעקט ליגט נישט אונטער דער קריטיק, וואָס אַלע זיינע אייגנשאַפטן ווערן העכער געשעצט ווי די אייגנשאַפטן פון נישט געליבטע פּערזאָנען, אָדער אין דער צייט, ווען דערזעלבער אָביעקט ווערט נישט געליבט. ביי אַ ווירקזאַמער ארויסשטויסונג אָדער אונטערדריקונג פון די זינלעכע שטרעבונגען באַקומט זיך די פאַלשע איינבילדונג, אַז דער אָביעקט ווערט אויך זינלעך געליבט צוליב זיינע גינסטיקע מעלות, בעת ס'איז גאָר פאַרקערט; ערשט דאָס זינלעכע וווילגעפעלן האָט אים באַשאָנקען מיט די דאָזיקע מעלות.

די שטרעבונג, וואָס פעלשט דאָ דעם אורטייל, הייסט אידעאַליזירונג. אַ דאַנק דעם איז אונז פאַרלייכטערט די אָריענטאַציע; מיר באַמערקן, אַז דער אָביעקט ווערט באַהאַנדלט פּונקט ווי דער אייגענער „איך", דאָס הייסט, אַלזאָ, אַז בעת דער פאַרליבטקייט גיסט זיך איבער אויפן אָביעקט אַ גרעסערע מאָס פון נאַרציסטישן ליבידא. ביי מאַנכע פאַלן פון דעם ליבע

2) über die allgemeinste Erniderigung des Libes-leben Sammlung, 4 Folge, 1918.

אויסוואַל ווערט עס אַפילו באַשיינפּערלעך, אַז דער אָביעקט דינט צו דעם, אַז ער זאָל פאַרטרעטן דאָס אָרט פון אַן אייגענעם, נישט דערגרייכטן „איך"-אידעאַל". מען ליבט אים צוליב די פּולקאָמענקייטן, וואָס מען האָט געשטרעבט פאַרן אייגענעם איך און וועלכע מען האָט זיך געקענט פאַרשאַפן אויפן דאָזיקן אומוועג פאַר דער באַפרידיקונג פון זיין נאַרציזם.

אויב די סעקסועלע איבערשאַצונג און די פאַרליבטקייט ווערן נאָך שטאַרקער, ווערט די קלאָרקייט פונם בילד נאָך מער צווייפלהאַפטער. די שטרעבונגען וואָס זענען געווענדעט אויף אַ דירעקטער סעקסועלער באַפרייונג, קענען איצט נאָך אינגאַנצן צוריקגעשטויסן ווערן, ווי ס'געשעט, למשל, רעגלמעסיק ביי דער רוימערישע ליבע פון יוגנטלעכן; דער איך ווערט וואָס אַמאָל פאָדערונגס-לאָזער, באַשיידענער, דער אָביעקט — גרויסאַרטיקער, ווערטפולער; ער באַהערשט, ענדלעך, די גאַנצע אייגנליבע פונם „איך", אַזוי אַז זיין זעלבסט-אָפּערונג ווערט אַ נאַטירלעכע קאָנסעקווענץ.

דער אָביעקט האָט, אַזוי צו זאָגן, פאַרצערט דעם איך. אין יעדן פאַל פון פאַרליבטקייט זענען פאַראַן שטריכן פון אונטערטעניקייט. באַשרענקונג פון נאַרציזם, זעלבסט-שאָדן, אין עקסטרעמע פאַלן ווערן זיי גאַר געהעכערט, און בלייבן הערשנדיק אַ דאַנק דער אַרויסשטויסונג פון די זינלעכע פאָדערונגען.

דאָס איז באַזונדערס לייכט אין פאַל פון אַן אומגליקלעכער נישט דערפילטער ליבע, ווייל נאָך יעדער סעקסועלער באַפרידיקונג קומט פאַר אַ ירידה פון דער סעקסועלער איבערשאַצונג. גלייכצייטיק מיט דער דאָזיקער „איבערגעגעבנקייט" פון דעם איך צום אָביעקט, וואָס שיידט זיך נישט אונטער פון דער סובלימירטער איבערגעגעבנקייט צו אַן אַבסטראַקטער אידיי, הערן אינגאַנצן אויף די פונקציעס, וואָס געהערן דעם „איך-אידעאַל", עס שווייגט די קריטיק, וואָס נייגט אַרויס פון דער דאָזיקער אינסטאַנץ, אַלץ וואָס דער אָביעקט טוט און פאָדערט, איז ריכטיק און פיין. דאָס געוויסן ווערט נישט אָנגעווענדעט אויף דעם אַלעם, וואָס ווערט געטון צוליב דעם אָביעקט. אין דער ליבע-פאַרבלענדונג

ווערט דער מענטש א חרטה-לאָזער פאַרברעכער. די סיטואַציע לאָזט זיך אַן ערשטע פאָרמולירן אַזוי: דער **אָביעקט** **האָט** **פאַרנומען** **ס׳אָרט** **פונם** **איך**

ס׳איז לייכט צו שילדערן דעם אונטערשייד צווישן אידענטיפיצירונג און דער פאַרליבטקייט אין אירע העכסטע דערשיינונגען וואָס הייסן פאַסצינאַציע, קנעכטישע אַנטערטעניקייט. אין ערשטן פאַל האָט זיך דער איך באַרייכערט מיט די אייגנשאַפטן פונם אָביעקט, זיך „אינטראָיצירט" אין זיי, לויט Ferenczei's אויסדרוק; אין צווייטן פאַל איז ער פאַראָרימט געוואָרן. האָט זיך מקריב געווען פאַרן אָביעקט, אים געשטעלט אויפן אָרט פון זיינע וויכטיקסטע באַשטאַנד-טיילן. ביי אַ נענטערע באַטראַכטונג באַמערקט מען אָבער באַלד, אַז אַזאַ שילדערונג שאַפט סתירות, וואָס זיינען גאָרנישט בנמצא. עקאָנאָמיש האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן באַרייכערונג אָדער פאַראָרעמונג; מען קען אויך באַשרייבן די עקסטרעמע פאַרליבטקייט, אַזוי אַז דער איך האָט זיך אינטראָיצירט דעם אָביעקט.

אפשר וועט אַן אַנדערער אונטערשייד אַרומנעמען דעם מהות פון דער זאַך. אין פאַל פון אידענטיפיצירונג איז פאַרלוירן געגאַנגען דער אָביעקט, אָדער מען האָט זיך פון אים אָפּגעזאָגט; ער ווערט דאַן אויפגעריכט אינעם איך, דער איך פאַרענדערט זיך טיילווייז לויט דעם פּראָטאָטיפּ פונם פאַרלוירענעם אָביעקט. אין צווייטן פאַל איז דער אָביעקט געבליבן אָפּגעהיטן און ער ווערט אַלס אַזעלכער איבערגעשאַצט מצד דעם איך און אויף זיין, דעם „איך"ס, חשבון. אָבער אויך בנוגע דעם אַנטשטייט אַ ספק. צי איז עס אַ זיכערע זאַך, אַז די אידענטיפיצירונג איז אַ תנאי פון אָפּזאָגן זיך פון אָביעקט-באַזיץ, צי קען נישט זיין אידענטיפיצירונג ביי דעם אויפגעהיטענעם אָביעקט? אָבער איידער מיר לאָזן זיך אַריין אין אַ דיסקוסיע וועגן דער דאָזיקער קאָמפּליצירטער פראַגע, קען ביי אונז אויפשיינען אַ געדאַנק, אַז אַן אַנדערע אַלטערנאַטיווע אַנטהאַלט אין זיך דאָס וועזן פון דער דאָזיקער זאַך-לאַגע, נעמלעך: צי פאַר-

נעמט דער אָביעקט דאָס אָרט פון „איך" אָדער פון „איך אידעאַל".

פון דער פאַרליבטקייט איז, וואַרשיינלעך, נישט ווייט צום היפנאָז. די אנאלאגיע צווישן זייביידע וואַרפט זיך אין די אויגן. די זעלבע אונטערטעניקייט, דאָס אונטערגעבן זיך, קריטיקלאָזיקייט אין באַצוג צום היפנאָטיזירער, ווי אויך בנוגע דעם געליבטן אפעקט. דערזעלבער דוחק פון אייגענער איניציאַטיווע; ס'איז נישט קיין ספק: דער היפנאָטיזירער האָט פאַרנומען דאָס אָרט פונם „איך־אידעאַל". די אַלע פארהעלטנישן זענען אינם היפנאָז נאך בולטער און שטארקער, אַזוי אַז עס וואָלט געווען צוועקמעס־קער צו דערקלערן די פאַרליבטקייט מיט דער הילף פונם היפנאָז, ישט פארקערט. דער היפנאָטיזירער איז דער איינציקער אָביעקט, קיין אנדערער ווערט נישט גענומען אין אכט צוזאמען מיט אים. דאָס, וואָס דער איך לעבט אדורך אין חלום, וואָס ער פאָדערט און באַפעלט, דערמאָנט אונז, אז מיר האָבן פארגעסן צו רעכענען צווישן די פונקציעס פונם איך־אידעאַל, אויך די פרוּוון פון דער רעאַליטעט 1). ס'איז נישט קיין וווּנדער, וואָס דער איך האלט אַלס רעאַל יעדע עמפינדונג, אויב נאָר די פסיכישע אינסטאנץ, וואָס האָט זיך פריער באַשעפטיקט מיט די פּרוּוון פון דער רעאַליטעט, פארנעמט דאָס ארט פון דער דאזיקער רעאַליטעט. דאָס פולע פעלן פון שטרעבונגען מיט אומגעהאמעוועטע סעקסועלע צילן העלפט צו דער עקסטרעמער ריינקייט פון דערשיינונגען. די היפנאָטישע באַציונג איז אַ נישט געבונדענע פארליבטע איבערגעגעבנקייט מיט דער אויסשליסונג פון סעקסועלער באַפרידיקונג, בעת ביי דער פארליבטקייט ווערט זי צייטווייליק אָפּגעלייגט און פארבלייבט ווייטער אויפן אונטערשטן פלאן אַלס אַ שפּעטערדיקע ציל־מעגלעכקייט.

---

1) Metapsychologishe Ergänzung zur Traumlehre, Sammlung kleiner Schriften zur Neurosenlehre, Vierte Folge, 1923.

פון דער צווייטער זייט אָבער, קענען מיר אויך זאָגן, אז די היפנאטישע באצי[illegible]ן זענען — אויב ס'איז דורכלאָזבאַר אַזאַ אויסדרוק — אַ מאסע-פארמירונג פון צוויי מענטשן. דער היפּנאָז איז נישט קיין גוטער פאָרמירונגס-אָביעקט מיט דער מאסע, ווייל גיכער איז ער אידענטיש מיט איר, ער איזאָלירט פון דעם קאָמפּליצירטן באשטאַנד פון דער מאַסע איין עלעמענט: דאָס פארהאַלטן זיך פונם מאסן-יחיד צום פירער. מיט דער דאָזיקער אונטערשטרייכוו פון דער צאָל שיידט זיך אונטער דער היפּנאָז פון דער מאַסע, ווי ער שיידט זיך אונטער פון דער פארליבטקייט דורך פעלן פון ריין סעקסועלע שטרעבונגען: ער איז דער מיטל-וועג צווישן זיי ביידע.

ס'איז אינטערעסאנט צו זעען, אַז דוקא די ציל-געהאַמעוועטע סעקסועלע שטרעבונגען שאַפן דויערהאפטיקע צוזאמענבונדן צווישן די מענטשן: דאָס פארשטייט מען לייכט פון דעם פאַקט, וואָס די דאָזיקע שטרעבונגען זענען נישט פעיק אויף אַ פולקאָמער באַפרידיקונג, בעת די נישט-געהאמעוועטע סעקסועלע שטרעבונגען ליידן אן אויסערגעווייגלעכע דערנידערונג, יעדעס מאָל נאָכן דערגרייכן דעם סעקסועלן ציל.

די זינלעכע ליבע איז באשערט צו שטילן זיך אין דער באַפרידיקונג, כדי זי זאָל ווייטער געדויערן, מוז זי פון אָנהייב אָן פאַרטרעטן ווערן דורך ריין צערטלעכע, ד. ה. ציל-געהאַמעוועטע קאָמפּאָנענטן אָדער באַזיצן עפּעס ענלעכעס.

דער היפּנאָז וועט אונז לייכט לייזן דאָס רעטעניש פון דער ליבידא-קאנסטיטוציע, אויב ער גופא וואָלט נישט געהאַט אין זיך אַזעלכע שטריכן, וואָס בינדן זיך נישט אריין אין דער ביזאַהעריקער ראציאָנעלער דערקלערונג — ווי אַ פארליבטקייט מיט דער אויסשליסונג פון דירעקטע סעקסועלע שטרעבונגען. אין אים איז נאָך פאראַן אַ סך וואָס איז אומפארשטענדלעך, מיסטיש. ער אנטהאלט אַ צו-מיש פון געליימטקייט, וואָס

דרינגט אַרויס פון דער פאַרהעלטעניש טונבן שטאַרקן צום
שוואַכן, הילפלאָזן, וואָס איז אַן איבערגאַנג צום היפּנאָז, וועל-
כער ווערט אַרויסגערופן ביי חיות צוליב שרעק. דער אופן, ווי
אַזוי עס ווערט אַרויסגערופן דער היפּנאָז, זיין באַציונג צום
שלאָף איז נישט קלאָר. און דער רעטנישהאַפטער אויסקלויב
פון פּערזאָנען, וואָס זענען צוגעפּאַסט צו אים, ווייזט-אָן אויף
אַן אומבאַקאַנטן מאָמענט, וואָס ווערט אין אים פאַרווירקלעכט
און וואָס מאַכט אפשר מעגלעך די ריינהייט פון די ליבידאָ-
איינשטעלונגען. עס איז אויך באַמערקנסווערט, אַז אָפט קען
דער מאָראַלער געוויסן פון דער היפּנאָטיזירטער פּערזאָן ווייזן
אַ ווידערשטאַנד אַפילו ביי אַ פולקאָמער סוגעסטיאָנירטער נאָכ-
גיביקייט. אָבער דאָס קאָן פאָרקומען דערפאַר, ווייל ביים היפּ-
נאָז, ווי דאָס ווערט געטון אין ס׳רוב פאַלן, קען בלייבן אַ
וויסן, אַז דאָ האַנדלט זיך נאָר וועגן אַ שפּיל, אַ נישט-ריכטיקע
רעפּראָדוקציע פון אַן אַנדערער, ווייט-לעבנס-וויכטיקער סיטואַציע.

אַ דאַנק די ביז איצטיקע באַטראַכטונגען זענען מיר פול-
קאָם צוגעגרייט אָנצוצייכענען אַ פאָרמול פון דער ליבידאָ-
קאָנסטיטוציע פון דער מאַסע, ווייניקסטנס פון אַזאַ מאַסע, ווי
מיר האָבן זי באַטראַכט ביז איצט, אַזאַ, וואָס האָט, אַלזאָ, אַ
פירער און וואָס האָט נישט געקענט באַקומען אַ צווייטן מאָל,
אַ צוגעוויסע „אָרגאַניזירטקייט“. די אייגנשאַפטן פון אינדיווידו-
אום. אַזאַ אורשפּרינגלעכע מאַסע איז אַ צאָל פון אינדיווידו-
מען, וואָס האָבן אוועקגעשטעלט איינעם און דעם-
זעלבן אָביעקט אויפן אָרט פון זייער „איך-אידע-
אַל“ און צוליב דעם אידענטיפיצירן זיי זיך איי-
נער מיטן צווייטן אין זייער „איך“. די דאָזיקע פאַר-
העלטעניש לאָזט זיך פאַרשטעלן אויף אַ גראַפישן אופן אַזוי:

IX

דער סטאַדע אינסטינקט.

מיר וועלן זיך נאָר פרייען אַ קורצע צייט מיט דער אי־לוזיע, אַז דורך דער דאָזיקער פאָרמול האָבן מיר כלומרשט גע־לייזט דעם רעטעניש וועגן מאַסע. באַלד מוז אונז באאומרואיקן דער געדאַנק, אַז מיר האָבן זיך, ווענזגטלעך, פאַררופן אויף דעם רעטעניש פון היפנאָז אין וועלכן עס איז פאַראַן נאָך אַ סך נישט דערליידיקטע פונקטן, און דאַן ווייזט אונז אַן אנדערע טענה דעם ווייטערדיקן וועג.

מיר דאַרפן צו זיך זאָגן, אַז די פיל אפעקטיווע צוזאַמענ־בונדן, וואָס מיר באַמערקן אין דער מאסע, זענען גענוג כדי צו דערקלערן איינע פון אירע כאראקטעריסטישע שטריכן: דער מאנגעל אין זעלבסשטענדיקייט און איניציאטיוו ביים יחיד, די גלייכאַרטיקייט פון זיין רעאקציע מיט אלע אנדערע, זיין דער־נידערונג, אַזוי צו זאָגן, צום מאַסן־אינדיווידואום. אָבער די מאַ־סע ווייזט אויף עפּעס מער, ווען מיר באטראכטן זי אלס גאנצעס.

די שטריכן פון אָפּשוואַכונג פון אינטעלעקטועלער טעטי־קייט, די געהאַמעוועטע אפעקטיוויטעט, די אומפעיקייט צו מעסי־קונג און צו אָפּלייגן, די נייגונג איבערצוטרעטן אַלע גרעניצן

אין די געפילס-אויסדרוקן. און די נייגונג צו אַ פולן איבער-
גאַנג פון דידאַקטישע אויסדרוקן אין מעשים — דאָס אַלץ און
ענלעכעס, וואָס ווערט אַזוי איינדרוקספול געשילדערט ביי לע-
באָנען — שאַפט אַ נישט אָפּלייקנבאַר בילד פון רעגרעסיע פון
דער גייסטיקער טעטיקייט, וואָס געפינט זיך אויף אַ פריערדי-
קער שטופע, און מיר געפונען דאָסזעלבע, נישט ווערנדיק פאר-
חידושט, ביי די ווילדע מענטשן אָדער קינדער. אזא רעגרעסיע
איז באזונדערס אַן אייגנשאַפט פון דער פשוטער מאסע,
בעת ביי אַ הויך-אָרגאניזירטער, קינסטלעכער-מאַסע קען זי, ווי
מיר האָבן געהערט, נישט גיין צו ווייט.

אַזוי אַרום באקומען מיר אַן איינדרוק פון אַ צושטאנד,
אין וועלכן עס זענען צו-שטארק די איינצעלנע געפילס-בייגונגען
און דער פערזענלעכער אינטעלעקטועלער אקט, אזוי אז זיי
זאלן זיך אליין באַווייזן, און זיי מוזן דורכאויס ווארטן אויף
פארשטארקונג דורך א גלייכארטיקער איבערחזרונג מצד אנדערע.
מיר וועלן דערמאנען וויפיל פון די פענאמענס פון אפהענגי-
קייט געהערן צו דער נאָרמאַל־ער קאָנסטרוקציע פון דער מענ-
טשלעכער געזעלשאפט, ווי ווייניק עס געפינט זיך אין איר אָריגינעל-
קייט, פערזענלעכער מוט, ווי שטאַרק יעדער איינצעלנער מענטש גע-
פינט זיך אין דער מאכט פון די באשטימונגען פון דער מאסן-
נשמה, וואָס אַנטפלעקן זיך אַלס ראַסן-אייגנאַרטיקייטן, פראָפעס-
יאָנעלער פאַראורטייל, עפנטלעכע מיינונג א.ד.גל. דער רעטעניש
פון דעם סוגעסטיאָנירטן איינפלוס ווערט נאָך גרעסער, יועו מיר
וועלן נאָך צוגעבן, אַז ער ווערט אויסגעפרווווט נישט נאָר דורכן
פירער, נאָר אויך דורך יעדן איינצלנעם. און מיר מאכן זיך
אַ פאָרוווּרף, אַז מיר האָבן איינזייטיק געשילדערט די באַציונג
צום פירער, נישט געבנדיק קיין אכט אויפן אַנדערן פאַקטאָר
פון קעגנזייטיקער סוגעסטיע.

זייענדיק אזוי ארום אָנגעוויזן אויף באַשיידנקייט, זענען
מיר גענייגט צוצוהערן זיך צו אן אנדערער שטים, וואָס זאָגט
אונז צו אַ דערקלערונג אויף די איינפאַכסטע גרונט-יסודות. אזא
דערקלערונג נעם איך פון W, Trotter's קלוג בוך וועגן סטאַדע-

אינסטינקט, און איך באַדויער נאָר, וואָס עס האָט נישט אינ־גאַנצן אויסגעמיטן די אַנטיפּאַטיע, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון דער לעצטער גרויסער מלחמה. 1)

טראַטטער דרינגט אַרויס די צוגעשריבענע דער מאַסע גייסטיקע פענאָמענס פון דעם סטאַדע אינסטינקט (gregariousnesss), וואָס איז איינגעבוירן אין די מענטשן, פונקט ווי ביי די אַנדערע מינים בעלי־חיים. די דאָזיקע סטאַדישקייט איז ביאָלאָגיש אַן אַנאַלאָגיע און אויך ווי אַ פאָרזעצונג פון דער פיל־צעליקייט; לויטן זין פון דער ליבידאָ־טעאָריע איז זי א ווייטערער אויסדרוק פון דער ליבידאָ ארויסגייענדיקער נייגונג פון אלע גלייכאַרטיקע לעבעדיקע וועזנס זיך צו פאַראייניקן צו וואָס־אַמאָל מער ארומנעמענדיקער איינהייטן. 2) דער איינצעלנער מענטש פילט זיך נישט פולקאָם (incomplete), ווען ער איז אַליין. שוין די אַנגסט פון אַ קליין קינד איז דער אויסדרוק פון סטאַדע־אינסטינקט. דער ווידערשפּרוך קעגן דער סטאַדע באַשטייט אין דעם אָפּטיילן זיך פון איר און דאָס ווערט דעריבער מיט מורא אויסגעמיטן. די סטאַדע אָבער וואַרפט אָפּ יעדע נייע, נישט־געוווינטע זאַך. דער סטאַדע אינסטינקט איז עטוואָס אורשפּרינגלעכעס וואָס קען זיך ווייטער נישט אויפלייזן (which cannot be split up) Trotter רעכנט אויס אַ רייע פון נייגונגען (אָדער אינסטינקטן), וואָס ער האַלט פאַר אורשפּרינגלעכע:

דער אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג, דערנידערונג און געשלעכטלעכקייט פון דער סטאַדע. דער לעצטער אינסטינקט פאַלט אָפּט אַריין אין אַ לאַגע, וואָס שטעלט זיך אַקעגן די איבעריקע אינסטינקט. שולד־באַוואוסטזיין און פליכט געפיל זענען די כאַראַקטעריסטישע באַזיצן פון אַ gre-

1) W Trotter: Instinct of the Herd in Peace and War, London. 1916.

2) זע מיין ארבעט. Jenseits des Lustprinzip. Beiheft zur Internationaler Zeitschrift für Psychoanalyse, VI. 1920.

1) garious animal. פון סטאדע-אינסטינקט גייען ז רויס לויט Trotter, די ארויסדרענגנדיקע כוחות, וואָס דער פסיכאָ-אנאליז האָט אנטדעקט אין „איך", און פאָלגלעך, אויך דער ווידערשטאנד, אויף וועלכן דער דאָקטער טרעפט אָן בעתן פסיכאָ-אנאליטישן דהיילן. די שפראַך פארדאנקט איר באטייט דער פעיקייט צו א קעגנזייטיקער פארשטענדיקונג אין דער סטאדע, אויף איר שטיצט זיך הויפטזעכלעך די אידענטיפיצירונג פון די איינצעלנע מענטשן איינער מיטן צווייטן.

אזוי ווי לע באָן האָט אין מיטל-פונקט פון זיין אויפמערקזאמקייט געשטעלט איבערוויגנד די כאראקטעריסטישע נישט-דויערדהאפטיקע מאסע און Mc Dougall — די סטאבילע געזעלשאפטן, פונקט אזוי האָט Trotter געלייגט אויפמערקזאמקייט אויף די אלגעמיינסטע פארבינדונגען, אין וועלכע דער מענטש, דער לייב פון די פאָליטיקער 2) לעבט, און זיי געגעבן אַ פסיכאָלאָגישע באגרינדונג: Trotter דארף אָבער נישט זוכן דעם סוד פון סטאדע-אינסטינקט, ווייל ער באצייכנט אים אלס אורשפרינגלעך און נישט מער אויפלייזבאר. זיין באמערקונג, אז Boris Sidis האלט דעם סטאדע-אינסטינקט אלס אַ אָפּשטאמענדיקן פון סוגעסטיאָנירבארקייט, איז, צו זיין גליק, איבערפליסיק; דאָס איז אַ דערקלערונג לויטן באקאנטן אומבאפרידיקטן מוסטער; און די פארקערטע הנחה, ד. ה. אז די סוגעסטיאָנירבארקייט שטאמט אָפּ פון סטאדע-אינסטינקט, ווייזט זיך מיר אויס צו זיין מער ווארשיינלעכער.

אָבער קעגן Trotter's שילדערונג קען מען טענהען מיט מער רעכט, ווי קעגן אַנדערע; טענהען, פאר וואָס זי לייגט צו ווייניק אכט אויף דער ראָל פון פירער אין דער מאסע בעת מיר זענען גיכער געניגט צום קעגנזעצלעכן אורטייל,

---

סטאדע-חיה.

2) אין אריגינאל אין גריכישן

אז מ׳קען נישט פארשטיין דעם מהות פון דער מאסע, ווען מען פארנאכלעסיקט דעם פירער.

דער סטאַדע-אינסטינקט לאָזט איבערהויפּט נישט איבער קיין אָרט פאַרן פירער. ער, דער פירער, קומט נאָר צופעליק אריין אין דער סטאַדע, און אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם שטייט דער פאַקט, וואָס פון דעם דאָזיקן אינסטינקט איז נישטאָ קיין וועג צו א באַדערפעניש אין אַ גאָט; דער סטאַדע פעלט אַ פאַסטוך. אויסער דעם קען מען Trotter's שילדערונג אונטערגראָבן פסיכאָל גיש, ד. ה. מען קען ווייניקסטנס מאַכן וואַרשיינלעך, אַז דער סטאַדע-אינסטינקט איז יאָ אויפלייזבאַר, ער איז נישט אַזוי אורשפּרינגלעך אין דעם זעלבן זין ווי דער אינסטינקט פון זעלבסט-דערהאַלטונג און ווי דער אינסטינקט פון געשלעכט.

ס׳איז נאַטירלעך נישט לייכט נאָכצופאָרשן די אָנטאָגענעזע פון סטאַדע-אינסטינקט. די מורא פון קליינעם קינד, ווען מ׳לאָזט עס איבער אַליין, (וואָס Trotter טייטשט שוין אויס אלס אויסדרוק פונם אינסטינקט) לאָזט אָבער צו אַן אנדערע אויסטייטשונג. זי געהערט דער מוטער, שפּעטער אַנדערע אָנפאַרטרויטע פּערזאָנען, און איז דער אויסדרוק פון אַ נישט-דערפילטער בענקשאַפט, מיט וועלכער דאָס קינד ווייסט נישט, וואָס צו טון, סיידן צו פאַרוואַנדלען זי אין מורא. 1) די מורא פונם איינזאַמען קליינעם קינד ווערט אויך נישט קלענער ביים אָנבליק פון אַנדערע באַליביקע פּערזאָנען „פון דער סטאַדע”; נאָר פאַרקערט, דאָס צוקומען פון אַזאַ „פרעמדן” רופט ערשט אַרויס די מורא. דאַן זעט מען נישט אַ לאַנגע צייט ביים קינד דעם סטאַדע-אינסטינקט אָדער מאַסן-געפיל. אַזאַ אינסטינקט און געפיל שאַפט זיך ערשט אין די פיל קינדער שטובן, פון זייער פאַרהעלטעניש צו די עלטערן, און,

---

1) זע: Vorlesungen zur Einfuhrung in die Psychoanalyse, uber die Angst.

נעמלעך, אלס רעאקציע אויף דער אנהייבנדיקער קנאה, מיט וועלכער דאָס עלטערע קינד באגעגנט דאָס יונגערע. דאָס עלטערע קינד וואָלט, פארשטייט זיך, געוואָלט אויסער ארויסשטויסן דעם קלענערן, ווייט האלטן פון די עלטערן און צונעמען ביי אים אלע רעכט, אָבער צוליבן פאקט, וואָס אויך דאָסדאָזיקע קינד — ווי די אלע שפעטערדיקע ווערט אויף אַ גלייכן אופן געליבט פון די עלטערן, און צוליב דער אוממעגלעכקייט פעסט צו דהאלטן זיין פיינטלעכע שטימונג און שאָדן פאַר זיך, ווערט ער געצוווּנגען צו אידענטיפיצירן זיך מיט אנדערע קינדער, און ביי דער קינדער-מאַסע אנטשטייט אַ מאַסן-אָדער געמיינשאַפטס-געפיל, וואָס באקומט אין דער שול זיין ווייטערדיקע אַנטוויקלונג. די ערשטע פאָדערונג פון דער דאָזיקער רעאקציע איז די גערעכטיקייט. די גלייכע באהאנדלונג פון אלע. עס איז באקאנט, ווי הויך און ענערגיש עס דרוקט זיך אויס די דאָזיקע פאָדערונג אין דער שול. אויב מען קען נישט אַליין זיין דער פריווילעגירטסטער, זאל לכל-הפחות קיינער נישט פריווילעגירט ווערן. מען וואָלט געקענט האלטן פאַר אומוואַרשיינלעך די דאָזיקע פארוואַנדלונג און פארטרעטונג פון אייפערזיכט דורך אַ מאסן-געפיל אין שול-און קינדער-שטוב, ווען מען וואָלט נישט שפעטער ווידער באַמערקט דעם זעלבן פראָצעס אונטער אנדערע פארהעלטנישן. לאָמיר זיך דערמאָנען און דער חברה פון טרוימעריש-פאַרליבטע פרויען און פריילינס, וואָס רינגלען ארום דעם זינגער אָדער פיאַניסט נאָך זיין פאָרשטעלונג. געוויס, ס'פאסט פאר זיי צו זיין אייפערזיכטיק איינע אויף דער צווייטער, אָבער צוליב דער גרויסער צאָל און דער אוממעגלעכקייט צו דערגרייכן דעם ציל פון זייער פארליבטקייט, זאָגן זיי זיך אָפּ פון דעם, און אנשטאט צו רייסן די האָר איינע ביי דער צווייטער, האנדלען זיי ווי אַן איינהייטלעכע מאסע. צערטלען, פאַרוויילן בייזאמען דעם קינסטלער און זיי וואָלטן געוועזן צופרידן צו טיילן זיך מיט זיינס אַלאָק. זיי, אורשפרינגלעכע קאנקורענטקעס, האָבן זיך געקענט אידענטיפיצירן איינע מיט דער צווייטער, אַדאַנק דער גלייכער ליבע צו דעם

זעלבן אָביעקט. ווען אַן אינסטינקט־סיטואַציע, ווי געוויינלעך, איז פעיק אויף פאַרשידענע אויסגענג, וועלן מיר זיך נישט ווונדערן, וואָס עס קומט צושטאַנד יענער אויסגאַנג, מיט וועלכן ס׳איז פאַרבונדן די מעגלעכקייט פון אַגעוויסער באַפרי־דיקונג, בעת אַן אַנדערער, אַליין אַנענטער שטייענדיקער ב״ייבט הינטערשטעליק, ווייל די רעאַלע פאַרהעלטנישן אים דערמעגלעכן די נישט דערגרייכונג פון דאָזיקן ציל.

דאָס, וואָס מען געפינט שפּעטער אין דער געזעלשאַפט ווירקזאַם אַלס געמיינזאַמער גייסט, esprit de corps א. א. וו. לייקנט נישט אָפּ זיין אָפּשטאַמונג פון דער אורשפּרינגלעכער קנאה. קיינער דאַרף זיך נישט אַרויסרוקן אויבן אָן, יעדער דאַרף זיין גלייך צום אַנדערען און האָבן דאָס זעלבע: סאָציאַ־לע גערעכטיקייט באַטייט, אַז מען זאָגט זיך אַליין אָפּ פון אַסך זאַכן, כדי אויך די אַנדערע זאָלן זיך מוזן אָפּזאָגן דער־פון, אָדער, וואָס עס איז דאָס זעלבע: זיי זאָלן דאָס נישט קענען פאָדערן. די דאָזיקע פאָדערונג צו גלייכהייט איז דער שורש פון דעם סאָציאַלן געוויסן און פון דעם פליכט־געפיל. אויף אַן אומדערוואַרטעטן אופן אַנטפּלעקט זיך די דאָזיקע פאָ־דערונג אין דער מורא פאַר אַנשטעקונג ביי די סיפיליטיקער, וואָס מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין אַדאַנק דעם פּסיכאָאַנאַליז. די מורא פון די דאָזיקע אומגליקלעכע אַנטשפּרעכט זייער שטאַרקן ווידערשטאַנד קעגן דעם אומבאַוווסטזיניקן ווונטש צו פאַרשפּרייטן זייער אינפעקציע אויף אַנדערע מענטשן, דען פאַרוואָס זאָלן זיי אַליין זיין אינפיצירט און אויסגעשלאָסן פון אַזוי פיל זאַכן, בעת די אַנדערע זענען נישט אויסגע־שלאָסן? דער שיינער אַנעקדאָט וועגן שלמה המלכס משפּט האָט אויך דעמזעלבן שורש. אויב דער איינער פרוי איז געשטאָרבן אַ קינד, זאָלן די אַנדערע אויך נישט האָבן קיין לעבעדיק קינד. אַ דאַנק דעם דאָזיקן פאַרלאַנג איז מען געוויער געוואָרן געוואָרן וועלכער פרוי ס׳איז געשטאָרבן ס׳קינד.

דאָס סאָציאַלע געפיל שטיצט זיך, אַלזאָ, אויף דער פאַרוואַנדלונג פון אַ פריער פיינטלעכן געפיל אין אַ פּאָזיטיוו

באַטאָנטע צוגעבונדטקייט, וואָס האָט דעם כאַראַקטער פון אידענ־טיפיצירונג. אויף וויפיל מיר האָבן ביז אַהער נאָכגעזען דעם דאָזיקן פּראָצעס, ווייזט זיך אויס, אַז די דאָזיקע פאַרוואַנדלונג קומט פאַר אונטערן איינפלוס פון אַ געמיי זאַמער צערטלעכער צוגעבונדטקייט צו אַ פּערזאָן, וואָס שטייט מחוץ דער מאַסע. אונזער אַנאַליז פון אידענטיפיצירונג איז פאַר אונז אַליין נישט ריין אויסשעפּנדיק. אָבער פאַר אונזער איצטיקן צוועק איז גענוג, אויב מיר קומען צוריק צו דעם פּונקט, אַז די מאַסע פאָדערט די קאָנזעקווענטע דורכפירונג פון גלייכהייט. מיר האָבן שוין בעתן באַטראַכטן דיביידע קינסטלעכע מאַסן — קירך און אַרמיי — געהערט, אַז דער ערשטער תנאי פון זיי איז, אַז אַלע זאָלן גלייך געליבט ווערן פון דעם פירער, מיר דאַרפן אָבער נישט פאַרגעסן, אַז די גלייכהייט־פאָדערונג פון דער מאַסע גילט נאָר פאַר די איינצעלנע מענטשן פון דער מאַסע, נישט פאַרן פירער. אַלע איינצעלנע מענטשן דאַרפן זיין גלייך צווישן זיך, אָבער אַלע ווילן זיי באַהערשט ווערן פון אַ פירער. אַ צאָל גלייכע צווישן זיך, וואָס קענען זיך אידענטיפיצירן איינער מיטן צווייטן, און איין איינציקער וואָס שטייט העכער פאַר אַלע — אָט דאָס איז די סיטואַציע, וואָס מיר געפונען פאַרווירקלעכט אין אַ לעבנס־פעיקער מאַסע. מיר דערלויבן זיך, אַלזאָ צו קאָריגירן Trotter's אויסדרוק, אַז דער מענטש איז אַ סטאַדע־חיה און מיר זאָגן, אַז ער איז אַסך מער ווי אַ האָרדע־חיה. ער איז אַן איינצעלן וועזן פון אַ האָרדע, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך אַן אָנפירער.

X

די מאסע און די אור- האָרדע

אין יאָר 1912 האב איך מסכים געווען מיט טש. דארווינס השערה, אַז די אור-פאָרם פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט איז געווען די האָרדע, וואָס איז געווען אומבאשרענקט באַהערשט פון אַ שטאַרקן „ער". איך האָב מיך באַמיט צו דערווייזן, אַז דער גורל פון דער דאָזיקער האָרדע האָט איבערגעלאזט נישט-צערשטערבאַרע שפורן אין דער מענטשלעכער געשיכטע, ספּעציעל אַז די אנטוויקלונג פון טאָטעמיזם, וואָס געמט אין זיך אריין די התחלות פון רעליגיע, זיטלעכקייט און סאָציאַלער צעגלידערונג, שטייט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם געוואַלטזאַמען טויט פונם אויבעראָנפירער און די פאַרוואַנדלונג פון דער פאָטער-האָרדע אין אַ ברודער-געמיינדע 1). דאָס איז, אמת, נאָר אַ השערה ווי אַסך אַנדערע, מיט וועלכע דער פרעהיסטאָריקער פרוווט צו באַלויכטן די פינצטערניש פון דער אור-צייט. — א just so story האָט דאָס וויציק אָנגערופן אַ נישט

---

1) Totem und Tabu 2 Auflage, 1920.

נישט־פּרינציפּיעלע ענגלישער קריטיקער — אָבער איך מיין, אַז עס איז אַ כבוד פאַר אַזאַ השערה, אויב זי ווייזט זיך אויס אַלס צוגעפּאַסט צו שאַפן אַ צוזאַמענהאַנג און פאַרשטענדניש אויף וואָס אַמאָל מער נייע געביטן.

די מענטשלעכע מאַסן ווייזן אונז ווידעראַמאָל דאָס באַקאַנטע בילד פון דעם איבערשטאַרקן יחיד אינמיטן פון אַ חברה פון גלייכע חברים; דאָס זעלבע בילד בלייבט אויך אין אונזער פאָרשטעלונג וועגן דער אור־האָרדע. די פּסיכאָלאָגיע פון דער דאָזיקער מאַסע, ווי מיר קענען זי פון די אָפט דערמאַנטע באַשרייבונגען — דאָס פאַרשווינדן ווערן פון דער באַוווסטזיניקער איינצעלנער פּערזענלעכקייט, די אָריענטירונג פון געדאַנקען און געפילן אין גלייכע ריכטונגען, די אויבערהערשאַפט פון דער אַפעקטיווקייט און פונם אומבאַוווסטזיניקן גייסטיקן, די טענדענץ צו דער אומפאַרזוימטער אויספירונג פון אויפטויכנדיקע כוונות — דאָס אַלץ אַנטשפּרעכט דעם צושטאַנד פון רעגרעסיע צו אַ פּרימיטיווער גייסטיקייט, וואָס מען וואָלט טאַקי געקענט צושרייבן דער אור־האָרדע. 1)

---

1) ... ער דער אור־הארדע מוז באַזונדערס גילטן דאָס, וואָס מיר האָבן שוין פריער באַשריבן אין דער אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק פון מענטשן. דער ווילן פון יחיד איז געווען צו שוואַך, ער האָט נישט פאַרטרויט זיינע מעשים. עס זענען נישט צושטאַנד געקומען קיין אַנדערע אימפּולסן, אַחוץ קאָלעקטיווע. עס איז געווען נאָר אַ געמיינזאַמער ווילן, נישט קיין איינציקער. די פאָרשטעלונג האָט נישט זיך געוואַגט אויסצוגיסן אין אַ ווילן, אויב זי איז נישט פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דער עמפּינדונג פון איר אַלגעמיינער פאַרברייטונג. די דאָזיקע שוואַכקייט פון דער פאָרשטעלונג ליגט אין דער דערקלערונג פון דער שטאַרקייט פון דער געפיל־צוגעבונדנקייט, וואָס איז געמיינזאַם פאַר אַלע. אָבער די גלייכאַרטיקייט פון די לעבנס־אומשטענדן און דאָס פעלן פון אַ פּריוואַטן אייגנטום — האָבן באַשטימט די גלייכפאָרמיקייט פון די אינטעלעקטועלע אַקטן ביי דעם איינצעלנעם מענטשן.

אויך די עקסקרעמענטאַלע באַדערפענישן שליסן נישט אויס די געמיינ־

די מאַסע, שיינט אונז, אלזא, צו זיין אַ ווידעראויפלעב פון דער אור-האָרדע. פונקט ווי דער אור-מענטש לעבט אין יעדן איינצעלנעם מענטש, אַזוי אויך קען פון יעדער באַליביקער מענטשן-מענגע — ווידער אַנטשטיין די אור-האָרדע; אויף וויפיל די מאַסע באַהערשט געוויינלעך די מענטשן, דערקענען מיר אין איר די פאָרזעצונג פון דער אור-האָרדע. מיר מוזן ציען אַ שלוס, אַז די פסיכאָלאָגיע פון דער מאַסע איז די עלטסטע מענטשן-פסיכאָלאָגיע. דאָס וואָס מיר האָבן אויסגעטיילט אַלס אינדיווידועלע פסיכאלאגיע, פאַרנאַכלעסנדיק אַלע איבעריקע מאַסן, איז אויסגעוואַקסן ערשט שפּעטער, שטופּענווייז און, אַזוי צו זאָגן, נאָך אַלץ נאר טיילווייז פון דער אַלטער מאַסן-פסיכאָלאָגיע. מיר וועלן נאָך וואַגן פרווון אנצווייזן דעם אויסגאַנגס-פונקט פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג.

די נאָענטע איבערטראַכטונג ווייזט אונז אין וועלכן פונקט די דאָזיקע מיינונג דאַרף אַ באַריכטיקונג. די אינדיווידועלע פסיכאָלאָגיע איז מן הסתם אַלט ווי די מאַסן-פסיכאָלאָגיע, ווייל פון אָנהייב אָן זענען געווען צוויי פסיכאָלאָגיעס: איינע פון די מאַסן-יחידים, און די צווייטע פון די פּעטער, איבעראָנפירער, ראשים, די איינצעלנע מענטשן פון דער מאַסע זענען געווען אַזוי געבונדן, ווי מיר זעען דאָס נאָך היינט. אָבער דער פּאָטער פון דער אור-האָרדע איז געווען פריי. זיינע אינטעלעקטועלע אַקטן זענען אויך אַלס באַזונדערע געווען שטאַרק און אומאפהענגיק, זיין ווילן האָט נישט געדאַרפט האָבן קיין באַקרעפטיקונג דורך די אנדערע מענטשן, מיר

אמקייט, ווי מען קען דאס באמערקן ביי קינדער און זעלנער. דער איינ-ציקער אומבאדינגטער אויסנאם איז דער סעקסועלער אקט בעת וועלכן א דריטע פערזאן איז, ווייניקסטנס, איבריק; אין ערגסטן פאל איז זי פאַרור-טיילט צו א פיינלעך אפווארטן. וועגן דער רעאקציע פון די סעקסועלע באַ-דערפנישן (די געניטאל-באפרידיקונג) קעגן דעם סטאדע-אינסטינקט׳ זע ווייטער.

נעמען קאָנזעקווענט אָן, אַז זיין איך איז ליבידאָ-אַרטיק ווייניקער געוועזן געבונדן, ער האָט קיינעם נישט ליב געהאַט אַחוץ זיך, און די אַנדערע האָט ער ליב געהאַט אויף אַזויפיל וויפיל זיי האָבן געדינט פאַר זיין באַדערפעניש, זיין „איך" האָט נישט אַוועקגעגעבן די אָביעקטן קיין איבריקס.

ביים אויפגאַנג פון דער געשיכטע פון דער מענטשהייט איז ער געוועזן דער איבערמענטש, וועלכן ניטשע האָט ערשט דערוואַרט אין דער צוקונפט. נאָך היינט דאַרפן די מאַסן-אינדיווידומען די אילוזיע, אַז זיי ווערן געליבט פון פירער אין אַ גלייכער און גערעכטער מאָס, אָבער דער פירער גופא דאַרף קיין אַנדערע נישט ליב האָבן, ער דאַרף האָבן די נאַטור פון אַ הערשער, זיין אַבסאָלוט נאַרציסטיש, אָבער זיכער אין זיך און זעלבסטשטענדיק. מיר ווייסן, אַז די ליבע שטערט דעם נאַרציזם. און מיר וואָלטן געקענט אָנווייזן, ווי אַזוי אַרום זי איז געוואָרן אַ קולטור-פאַקטאָר, אַדאַנק דער דאָזיקער ווירקונג.

דער אור-פאָטער פון דער האָרדע איז נאָך נישט געווען אומשטערבלעך, ווי ער איז עס שפּעטער געוואָרן, אַדאַנק פאַרגעטערונג, ווען ער איז געשטאָרבן, האָט מען געמוזט פאַרטרעטן זיין אָרט; זיין אָרט האָט וואַרשיינלעך פאַרנומען דער יונגסטער זון, וואָס אוז ביז דאַן געווען אַ מאַסן-יחיד ווי אַלע אַנדערע. עס מוז, אַלזאָ, זיין אַ מעגלעכקייט צו פאַרוואַנדלען די פּסיכאָלאָגיע פון דער מאַסע אין אַן אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע; עס מוז געפונען ווערן אַ תנאי, אונטער וועלכן עס זאָל לייכט פאָרקומען אַזאַ פאַרוואַנדלונג, פּונקט ווי עס איז מעגלעך פאַר די בינען, אין אַ נויטפאַל, צו באַשטימען אַ קעניגין פון אַ לאַרווע אַנשטאַט אַן אַרבעטערין, דאַן קען מען זיך פאָרשטעלן נאָר דאָס: דער אור-פאָטער האָט געשטערט זיינע זין די דירעקטע באַפרידיקונג פון זייערע סעקסועלע שטרעבונגען; ער האָט זיי געצוווּנגען צו אַבסטינענץ און, פאָלגלעך, צו געפילס-צוגעבונדנקייט איינער צום צווייטן, וואָס האָבן געקענט אַרויסגיין פון שטרעבונגען, מיט

געהאָמעװעטע סעקסועלע צילן. ער האָט זײ אויפגעצװוּנגען, אַזוי צו זאָגן, די מאַסן פסיכאָלאָגיע. זײן סעקסועלע אײפערזוכט און זײן טאָלעראַנץ זענען אין דער לעצטער ליניע געװאָרן די סיבה פון דער מאַסן-פסיכאָלאָגיע 1)

דער, װאָס איז געװאָרן זײן נאָכפאָלגער, האָט אויך געהאַט די מעגלעכקײט פאַר אַ סעקסועלע באַפרידיקונג און מיט דעם האָט זיך פאַר אים געעפנט אַ װעג אַרויסצוטרעטן פון די באַדינגונגען פון דער מאַסן-פסיכאָלאָגיע. דאָס פיקסירן פון דעם ליבידאָ אויפן װײב, די מעגלעכקײט פון דער באַפרידיקונג אָן אָפּלײגונג און אָן נדחה האָט געמאַכט אַ סוף צו דעם באַטײַט פון די געהאַמעװעטע סעקסועלע שטרעבונגען און געלאָזט דעם נאַרציזם שטענדיק שטײן אויף דער זעלבער הויך. צו דער דאָזיקער באַציִונג פון דער ליבע און דאָס אַנטשטײן פון כאַראַקטער װעלן מיר נאָך צוריקקומען אין אונזער צוגאָב-קאַפּיטל.

שטרײכן מיר דאָ נאָכאַמאָל אונטער, װי אַ באַזונדערס באַלערנדיקן מאָמענט. די באַציִונג צװישן דער קאָנסטיטוציע פון דער האָרדע און די מאַסנאַמען דורך װעלכע — אָפּגעזען פון צװאַנג-מיטלען — עס װערט צוזאַמענגעהאַלטן אַ קינסטלעכע מאַסע. בײַ דער קירך און אַרמײ האָבן מיר געזען, אַז אַזאַ באַדינג איז די אילוזיע, אַז דער פירער ליבט אַלע אײנצעלנע אויף אַ גלײַכן און גערעכטן אופן. דאָס איז טאַקי די אידעאַליסטישע איבעראַרבעטונג פון די פאַרהעלטנישן אין דער האָרדע, אין װעלכע אַלע זין פילן, אַז זײ װערן אויף אַ גלײַכן אופן פאַרפאָלגט פונם פאָטער און זײ האָבן פאַר אים מורא אויף אַ גלײַכן אופן. שוין די נאָענטסטע פאָרם פון

---

1) עס לאָזט זיך אויך אָננעמען אַז די פאַרטריבענע זין, דערװײַטערט פון פאָטער, האָבן באַנוצט דעם פאַרשריט פון דער אידענטיפיצירונג אײנער צום װײַטן צו האָמאָסעקסועלע אָביעקטן-ליבע און אַזוי אַרום באַקומען די פרײַהײַט צו דערהרגענען דעם פאָטער.

דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, דער טאָטעמישער קלאַן, האָט אַלס פאָר־תּנאי די דאָזיקע פאַרוואַנדלונג, אויף וועלכער עס שטיצן זיך אַלע סאָציאַלע פליכטן. די אומצערשטערבאַרע שטאַרקייט פון דער טאַמיליע אַלס אַ נאַטירלעכע מאַסן־בילדונג, שטיצט זיך אויף דעם וואָס דער דאָזיקער נויטווענדיקער פאַר־בונדונג פון דער גלייכער ליבע פון פאטער קען ווירקלעך זיין פאַסיק פאַר איר.

— אָבער מער דערוואַרטן נאָך מיר פון דער אָפשאַצונג פון דער מאַסע פון שטאַנד־פונקט פון דער אור־האָרדע. די דאָזיקע אָפשאַצונג דאַרף אונז נענטער ברענגען צום דעם אומפאַרשטענד־לעכן, געהיימניספולן פון דער אַנטשטייונג פון דער מאַסע וואָס באַהאַלטן זיך אונטער די רעטזעלהאַפטע ווערטער היפּנאָז און סוגעסטיע. און איך מיין אַז זי קען דאָס באַווייזן. לאָמיר זיך נאָר דערמאַנען, אַז דער היפּנאָז האָט אין זיך עטוואָס דירעקט בישט היימליכעס: דער כאַראַקטער פון דעם אומהיימלעכן ווייזט אָ, אויף אַן אַרויסשטויסונג פון אַן אָבגעשוואַכטער אַלט־קייט און אויך אַ פולן צוטרוי. 1). לאָמיר זיך דערמאַנען ווי אַזוי עס גייט־צו דער היפּנאָז. דער היפּנאָטיזירער באַהויפּטעט, אַז ער באַזיצט אַזאַ מאַכט, וואָס באַרויבט דעם ווילען פונם אָביעקט, אָדער, וואָס איז דאָס זעלבע, דער אָביעקט גלייבט, אַז דער היפּנאָטיזירער באַזיצט אַזאַ מאַכט. די דאָזיקע גע־היימניספולע מאַכט — פּאָפּולער נאָך אַלץ באַצייכנט אַלץ באַ־צייכנט אַלס חיה'שער מאַגנעטיזם — מוז זיין די זעלבע, וועלכע גילט פאַר דעם פּרימיטיוון מענטש אַלס קוואַל פון טאַבור. די זעלבע, וואָס גייט אַרויס פון קעניגן און אנפירער, און וואָס איז געפערלעך, ווען מען דערנענטערט זיך צו זיי . דער היפּנאָטיזירער וויל באַזיצן די דאָזיקע מאַכט, ווי אַזוי דערפירט ער זי צום באַווייזן זיך? מיט דעם, וואָס ער פאָדערט אויף

Totem zend Taba, und die dorf zitietfe :זע (2
.quəllem

די פּערזאָן צו קוקן אים אין די אויגן אַריין; ער היפּנאָטיזירט אויף אַ טיפּישן אופן דורך זיין בליק. גאאד אבער דער אָנבליק פון אָנפירער איז פאַרן פרימיטיוון מענטש געפערלעך און אומדערטרעגלעך, ווי דאָס איז שפּעטער געווען דער פאַל מיט דער גאָטהייט. משה האָט געמוזט שפּילן די ראָל פון אַ פאַרמיטלער צווישן גאָט און פאָלק, ווייל עס פאָלק קען נישט פאַרטראָגן גאָטס אנבליק, און ווען משה קומט צוריק פון גאט, שטראַלט זיין פּנים, איין טייל פון „מאנאי״ האָט זיך, ווי ביים פאַרמיטלער פון די פרימיטיווע מענטשן, איבערגעטראָגן אויף אים. 1)[1] מען קען אויך אַרויסרופן דעם היפּנאָז דורך אַנדערע וועגן, וואָס פירן אָבער צו טעותים, און געבן אַ גרונט צו אומבאַגרינדעטע פיזאָלאָגישע טעאָריעס, צ. ב. דאָס ארויסרופן דעם היפּנאָז דורכן פיקסירן אויף אַ גלענצענדיקער זאַך און אויף אַ מאָנאָטאָנעם גערויש. אין דער ווירקלעכקייט דינען די דאָזיקע ביישפּילן נאר פאַרן אָפּציען און פאַרבונדן די באַוווסטזיניקע אויפמערקזאַמקייט. די סיטואַציע איז אַזוי גלייך ווי דער היפּנאטיזירער וואָלט געזאָגט; איצט באַשעפטיקט אייך נאר מיט מיין פּערזאָן, די איבעריקע וועלט זאָל אייך נישט אינטערעסירן. געוויס, עס וואָלט געווען טעכניש נישט צוועקמעסיק, ווען דער היפּנאָטיזירער וואָלט אַזוי גערעדט; דער סוביעקט וואָלט דורך דעם אָפּגעריסן געוואָרן פון זיין אומבאַוווסטזיניקער איינשטעלונג און אויפגערייצט געוואָרן צו אַ באַוווסטזיניקן ווידערשפּרוך. אָבער בעת דער היפּנאָטיזירער מיידט אויס נישט צו לענקן דאָס באַוווסטזיניקע דענקן פונם סוביעקט אויף זיינע כּוונות, און די עקספּערימענטירטע פּערזאָן. פאַלט אַריין אין אַ צושטאַנד, בעת די וועלט ווערט פאַר אים נישט אינטערעסאַנט, געשעט עס, אַז זי קאָנצענטרירט ווירקלעך אומבאַוווסטזיניק די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויפן היפּנאָטיזירער און זי שאַפט די איינשטעלונג פון ראַפּאָרט, פון

---

1) Das Unhicmhlel Imago V 1619.

איבערטראגונג אויפן היפּנאָטיזירער. די אומדירעקטע מעטאָדן פון היפּנאטיזירער האָבן, אלזאָ, פונקט ווי די געוויסע טעכנישע אנווענדונגען פונם וויץ אַלס דערפּאָל, געוויסע פּאַרטיילונגען פון דער גייסטיקער ענערגיע, אויפצוהאַלטן, וועלכע וואלטן גע- שטערט דעם פּאַרלויף פון דעם אומבאַוווסטזיניקן פּראָצעס, און זיי פירן שווערלעך צום גלייכן ציל, ווי די דירעקטע באַיינ- פלוסונגען דורך שטאַרן אָנקוקן אָדער פּאַסן. 1) Ferenczi האָט ריכטיק אויסגעפונען, אַז דער היפּנאָטיזירער פערנעמט ס'אָרט פון די עלטערן, באַנוצנדיק זיך מיטן באַפעל צום שלאָפן. ער מיינט, אַז מען דאַרף אונטערשיידן צווייערליי היפּנאָזן: איינער אַ חניפהדיקער, באַרואיקנדיקער, וואָס האט די מוטער אַלס פּראטאטיפּ, און איינעם אַ דראָענדיקן, וועלכן ער שרייבט צו דעם פאָטער 2) דאַן באַטייט אין דעם היפּנאָז דער געבאָט צו שלאָפן נישט אַנדערש, ווי די אויפפאָדערונג אָפּצווענדן די

---

1) די סיטואציע, וואס די היפּנאטיזירטע פּערזאן האט אומבאוווסטזיניק איינגעשטימט אויפן היפּנאטיזירער, בעת זי באשעפטיקט זיך באוווסטזיניק מיט נישט-פארענדערלעכע, נישט אינטערעסאנטע איינדרוקן, האט איר קעגנזאץ בעת דער פסיכא-אנאליטישער באהאנדלונג, וואס פארדינט, אז מען זאל זי דא דער- מאנען. בעת יעדן אנאליז, טרעפט לכל-הפּחות איינמאל, וואס דער פאציענט בא- הויפּטעט עקשנותדיק, אז איצט ליגט אים נישט קיין שום געדאנק אין קאפּ. זיינע פרייע אסאציאציעס האבן זיך אפּגעשטעלט און די געוויינלעכע אימפולס וואס ברענגען זיי אין באוועגונג געלונגען נישט. דורך איינגעעקשנקייט דער- גרייכט מען, ענדלעך, זיין מודה זיין זיך, אז ער טראכט וועגן דער לאנדשאפט וואס מ'זעט דורכן פענצטער פון דעם באהאנדלונגס-צימער, וועגן די טאפּעטן אויף דער וואנט, וואס ער זעט פאר זיך, אדער וועגן גאז-לעמפּל, וואס הענגט אראפּ פון סופיט. דאן ווייסט מען, אז ער איז שוין אריין אין טראנס, אז כ'ויערן אים ארויסגעשטעלט פאדערונגען, יואס געהערן צום דאקטער, און קוים דערקלערט מען אים דאס שטעלן זיך אפּ די פרייע אבאצאציעס.

2) Ferenczi Intrjoektion und übertragung. Jahrbuch des psychanalyse, I 1909

גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון דער איבעריקער וועלט און זי צו קאַנצענטרירן אויף דער פערזאָן פונם היפּנאָטיזירער; אַזוי ווערט עס אויך פאַרשטאַנען פונם אָביעקט, ווייל אין דעם דאָזיקן אפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט ליגט די פּסיכאָלאָגישע כאַראַקטעריסטיק פונם שלאָף און אויף דעם שטיצט זיך די קרובהשאַפט פונם שלאָף מיט דעם היפּנאָטישן צושטאַנד.

דורך זיינע מאָסנאמען וועקט, אַלזאָ, דער היפּנאָטיזירער אויף ביי דעם סוביעקט אַ טייל פון זיין אַרכאַישער ירושה, וועלכע איז אויך אַנטקעגנגעקומען די עלטערן און וועלכע האָט דערפאַר, אין פאַרהעלטניש צום פאָטער, אַן אינדיווידועלע ווידערבאַלעבונג — די פאָרשטעלונג פון אַן איבערמעכטיקער און געפערלעכער פערזענלעכקייט, קעגן וועלכער מען קען זיך אַנטקעגנשטעלן נאר פּאַסיוו מאַזאכיסטיש, ווערנדיק געצוווּנגען צו פאַרלירן דעם ווילן, בעת צו זיין מיט איר אַ״יין, „אונטער פיר אויגן ווייזט אויס צו זיין אַ גרויסע ריזיקע.

נאָר” אויף אַזאַ אופן קענען מיר זיך פאָרשטעלן דאָס פאַרהעלטניש פון אַ יחיד אין דער אור־האָרדע צום אור־פּאָטער. ווי מיר ווייסן פון ביישפּילן ביי אַנדערע רעאַקציעס, האָט דער אינדיווידואום אויפגעהיטן אין זיין פערזענלעכע אייגנטימלעכקייט א וואריאַבלע מאָס פון ווידערבאַלעבונג פון אזעלכע אַלטע סיטואַציעס, אַ וויסן, אַז דער היפּנאָז איז בלויז אַ שפּיל, אַ ליגנאַרטיקע באַנייונג פון יענע אַלטע איינדרוקן, קען אָבער בלייבן אויפגעהיטן און זאָרגן פאַר דעם ווידערשטאַנד קעגן די צופיל ערנסטע קאָנזעקווענצן פון דעם היפּנאָטישן פאַרלוסט פון ווילן.

דער אונהיימלעכער, צווינגנדיקער כאַראַקטער פון דער מאַסע, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין אירע סוגעסטיאָנירטע דערשיינונגען, קען, אַלזא, אויך מיט רעכט פאַררעכנט ווערן אויפן חשבון פון איר אָפּשטאַמונג פון דער אור־האָרדע. דער פירער פון דער מאַסע איז נאָך אַלץ דער אור־פּאָטער, פאַר וועמען מען האָט מורא, די מאַסע וויל שטענדיק נאָך אַלץ באַהערשט

ווערן פון אן אומבאַשרענקטער מאַכט, זי דורשט אין העכסטן גראד נאָך אויטאָריטעט, ווי האָט, לויט לע באָנס אויסדרוק, א דורשט אונטערטעניק צו זיין. דער אור־פאָטער איז דער אידעאַל פון דער מאַסע, וואָס באַהערשט דעם איך אויפן אָרט פון „איך אידעאַל". דער היפנאָז האָט א פולע רעכט צו דער פאַרצייכנונג: מאַסע פון צוויי טיילן: די ס'געסטיע קען דעפינירט ווערן, ווי אן איבערצייגונג, וואָס איז נישט באַגרינדעט אויף ערנסט־אָנצמ־לעכע און דענק־מעגלעכע אַרבעט, נאָר אויף עראָטישער צוגע־בונדקייט. 1)

1) עס איז ווערט צו באמערקן, אז דורך די באטראכטונגען פון דע־דאזיקן קאפיטל זענען מיר געצוווּנגען צוריקצוקערן זיך פון Bernheims אַר־פפאסונג וועגן היפנאז צו דער אלטער נאיווער אויפפאסונג. לויט Bernheim שטאמען אלע היפנאטישע פענאמענס אפ פון דער סוגעסטיע, וואס איז א מא־מענט, וואס לאזט זיך ווייטער נ[illegible] אויפקלערן. מיר קומען צום שלוס, די סוגעסטיע איז א טיילווייזע דערשיינונג פון דעם היפנאטישן צושטאנד. וואס האט א פעסטן יסוד אין דער אומבאוווסטזיניקער אויפגעהיטענער נויגונג פון דער אור־געשיכטע פון דער מענטשלעכער פאמיליע.

XI

א שטופּע אינם איך.

ווען מען געדענקט די באַשרייבונגען פון די מחברים וועגן דער מאַסן-פּסיכאָלאָגיע, וואָס דערגענצן איינער דעם צווייטן און ווען מען וואַרפט אַן איבערבליק איבערן לעבן פונם היינטיקן יחיד, קען מען פארלירן דעם מוט, צוליב די קאָמפּליקאַציעס וואָס זענען פאַראַן ביים צוזאַמענצושטעלן פון אים אַן ארומנעמנדיקע באַשרייבונג. יעדער יחיד איז אַ באַשטאַנד-טייל פון אַסך מאַסן, דורך אידענטיפיצירונג איז ער אַלזייטיק געבונדן, און האָט אויפגעבויט זיין „איך-אידעאל" לויט די פאַרשידנסטע פּראָטאָטיפּן. יעדער יחיד נעמט, אַלזא, אַן אנטייל אין אַסך מאַסן-נשמות, פון זיין ראַסע, שטאנד, גלויבנס-געמיינזאַמקייט, מלוכה א. א. וו., און קען זיך חוץ דעם דערהייבן צו אַ ביסל זעלבסשטענדיקייטן און אָריגינעלקייט. די דאָזיקע באַשטענדיקע און דויערהאַפטיקע מאַסן און זייערע גלייכמעסיקע אנהאַלטנדיקע ווירקונגען, וואַרפן זיך ווייניקער אין די אויגן, ווי די שנעל-פאַרמירטע, פאַ־געגנגלע ע מאַסן, לויט וועלכע ל ע באָן האָט געגעבן אַזא גלענצנדיקע פּסיכאָלאָגישע כאַראַקטעריסטיק פון דער מאַסן-נשמה. און אין די דאָזיקע

רוישנדיקע, עפּעמערישע מאַסן, וואָס שטייען כּלומרשט העכער איבער אַנדערע, געשעעט אַ ווונדער: דאָס, וואָס מיר האָבן אָנערקענט אַלס איגדיווידועלע אויסבילדונג, פאַרשווינדט שפּור־לאָז, אפילו ווען נאָר אויף אַ קורצע צייט.

מיר האָבן דאָס ווונדער פאַרשטאַנען, אין דעם זין, וואָס דער איינצעלנער מענטש זאָגט זיך אָפּ פון זיין „איך־אידעאַל" און פאַרבייט עס מיט דעם מאַסן־אידעאַל, וואָס איז פאַרקערפּערט אינם פירער. דאָס ווונדער, דאַרפן מיר אַלס באַרעכטיקונג צו־צוגעבן, איז נישט אין אַלע פאַלן גלייך גרויס, די אָפּזונדערונג פון „איך" און „איך־אידעאַל" איז ביי פיל אינדיווידואומען נישט אַזוי שטאַרק, זיי ביידע דעקן זיך נאָר לייכט, דער „איך" האָט זאָר אויפגעהיטן די פריערדיקע נאַרציסטישע אייגנ־געפעליקייט. די וואל פון פירער ווערט דורך די דאזיקער פאַרהעלטענישן נאָך מער פאַרלייכטערט.

ער, דער פירער, דאַרף נאָר אָפט צו באַזיצן די טיפסטע אייגנשאַפטן פון די דאָזיקע אינדיווידואומען אין אַ באזונדערס שארפער און ריינער פארם און דארף מאכן דעם איינדרוק פון אַ גרעסערער קראַפט און ליבידיעזע פרייהייט, אַזוי אַרום קומט אים אַנטקעגן די באדערפעניש אין אַ שטאַרקן אנפירער, און זי גיט אים אַן איבערמאכט, אויף וועלכער ער האט אפשר קיינמאל נישט פרעטענדירט, די אַנדערע אינ־דיווידואומען, וועמעס „איך־אידעאל" ס׳האט זיך פארקערפערט אין זיין פערזאן נאר ביי אַ קארעקטור, ווערן דאן „סוגעסטיאָ־נירט" ד. ה. מיטגעריסן דורך דער אידעגטיפיצירונג.

מיר באמערקן, אז די דערקלערונג פון דער ליבידאָ־סטרוקטור פון דער מאסע, ווערט דערפירט צו דעם אונטער־שיד פון איך פונם „איך־אידעאל און צו דורך דעם דערמעג־ליכטער טאָפּלטער ארט פון צוגעבונדטקייט — אידענטיפיצירונג און פארטרעטונג פון „איך אידעאַל" דורכן אביעקט. דאָס

אנגעמען פון אזא שטופע אין „איך" אלס ערשטער שריט פון אן איך-אנאליז, מוז שטופנווייז באווייזן איר רעכטפערטיקונג אויף די פארשידנסטע געביטן פון דער פסיכאלאגיע. אין מיין ארבעט „Zur Einfuhrung des Narzissmus" האב איך קודם כל 1) צוזאמענגעקליבן פאטאלאגישע מאטעריאלן, כדי צו שטיצן דעם דאזיקן באזונדערן שטריך. אבער מ'דארף דער-ווארטן, אז זיין באטייט וועט זיין אסך שטארקערער נאך דער ווייטערדיקער פארטיפונג אין דער פסיכאלאגיע פון די פסיכאזן. לאמיר נעדענקן, עז דער איך שפילט א ראל פון אביעקט אין באצוג צו דעם פון אים זיך אנטוויקלטן „איך-אידעאל" און מעגלעך, אז אלע ענדערנדיקע ווירקונגען, וואס מיר זענען געוויער געווארן פון דער ליבע ווענן נ ווראזן צוויש, דעם אויסערלעכן אביעקט און דעם קיבוץ-איך חזרן זיך איבער אויף דעם דאזיקן נייעם פעלד אינערהאלב פון איך.

איך וויל דא גאכפארשן נאר איין מעגלעכן פון דעם דא-זיקן שטאנדפונקט פועל-יוצא, כדי פארצוזעצן די באטראכטונג פון א פראבלעם, וואס איך האב אויף אן אנדערע שטעלע געמוזט איבערלאזן בישט-געלייזט 2). יעדע איינע פון די גייסטיקע דיפערענצירונגען מיט וועלכע מיר זענען באקאנט געווארן, שטעלט מיט זיך פאר א נייע שוועריקייט פון דער גייסטיקער פונקציע, העכערט איר לאביליטעט 1) און קען ווערן אן אויסגאנג-פונקט פון א פארשטאפונג פון דער פונקציע, קען פון איר קראנק ווערן. אזוי האבן מיר גלייך מיטן געבוירן ווערן געמאכט דעם שריט פון אבסאלוט זעלבסט-גענוגנטן נארציזם צום אויפנאם פון א פאר

1) Jarbuch für Psychoanalyse VI, 1914. Sammlung k'einer Schriften zur Neurosenlehre 4 Folge,

2) „Trauer und Melancholie". Internationale Zeitschrift für Psychoanalyse, IV, 1916—18. Sammlung kleiner Schriften zur Neurosenlehre, 4. Folge.

ענדערלעכער אויסן-וועלט און צום אנהייב פון זוכן אן אָביעקט, און מיט דעם איז פארבונדן דער פאַקט, אַז מיר קענען נישט לאַנג פארטראגן דעם דאָזיקן נייעם צושטאַנד, אַז מיר פאַרלאָזן אים פעריאָדיש און אין שלאָף קערן מיר צוריק צום פריערדיקן צושטאנד פון רייצלאזיקייט און אביעקט פאַרמיידונג. מיר פאָלגן דערביי, פאַרשטייט זיך, דעם ווונק פון דער אויסן-וועלט, וואס נעמט פון אונז אַוועק, דורכן פעריאָדישן וועקסל פון טעג און נאכט, דעם גרעסטן אַנטייל פון די אויף אונז ווירקנדיקע רייצונגען. דער צווייטער ביישפיל, וואָס איז זייער וויכטיק פאר דער פאטאלאגיע, פאַלט שוין נישט אונטער אַזעלכע באַגרענצונגען. אין פאַרלויף פון אונזער אַנטוויקלונג, האָבן מיר איינגעטיילט אונזער גייסטיקן באשטאנד אויף אַ קאהארענטן [1] „איך" און אויף א אומבאַוווּסטזיניק באַגרענעצטן, וואָס שטייט אויסערהאלב דעם איך, און מיר ווייסן, אַז די סטאַביליטעט פון די דאזיקע נייע פאָרמירונגען פאלן אונטער באשטענדיקע צערשטערונגען. אין חלום און אינם נעווראָז קלאַפּט דאָס דאָזיקע אויסגעשלאָסענע, אַז מען זאָל עס אריינלאָזן אין די פאַרווידערשטאנד באוואכטע טויערן, און אין וואכנדיקן געזונטן צושטאנד באנוצן מיר זיך מיט באזונדערע פארטלען, כדי צייטווייליק אריינצונעמען דאָס פארשטויסענע אין אונזער „איך", אַרומגייענדיק ארום דעם ווידערשטאנד און אַרויסציענדיק פון דעם אַ פאַרגעניגן.

וויץ און הומאר, טיילווייז אויך דאָס קאמישע, דאַרפן באַטראַכט ווערן אינם ליכט פון דאָזיקן שטאַנדפונקט. יעדן קענער פון דער נעוראזן-פסיכאָלאָגיע זענען באַקאַנט ענלעכע ביישפילן פון אַ קלענערן באַטייט; אָבער איך אייל מיך צו דער באַשטימטער דורך מיר אָנווענדונג.

עס וואָלט געווען גוט צו מיינען, אַז אויך די אפזונדערונג פונם איך-אידעאַל פון איך קען נישט לאַנג עקזיסטירן

1) געבונדענעם

און דאַרף צייטווייליק באַהערשט ווערן פון צוריקקערנדיקער אַנט־וויקלונג. טראָץ אַלע אָפּזאָגן און באַשרענקונגען, וואָס זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויפן „יך" גילט אַלס אַ כּלל דער פּעריאָדישער דורכברוך פון פאַרבאָטענעם, ווי דאָס באַווייזט די אינסטיטוציע פון ימים־טובים, וואָס זענען אורשפּרינגלעך גישט עפּעס אַנדערש ווי דורכן געזעץ דערלויבטע עקסצעסן און דער דאָזיקער באַפרייונג האָבן זיי צו פאַרדאַנקן זייער הייטערן כאַראַקטער 1). די סאַטורנאַליען פון די רוימער און אונזער הייַנטיקער קאַרנאַוואַל טרעפן זיך אין דעם דאָזיקן וועזנטלעכן שטריך צונויף מיט די ימים־טובים פון די פּרימי־טיווע מענטשן, וואָס פלעגן פאָרקומען מיט כּלערליי אויסגע־לאַסנקייטן און מיטן עובר זיין אויף די שטענדיקע הייליקסטע מצוות. דער איך־אידעאַל אָבער נעמט אַרום דעם באַטרעף פון אַלע באַגרענצונגען, וועלכע עס זאָל זיך אונטערגעבן דעם איך, און דעריבער מוז דאָס אָפּשאַפן פונם אידעאַל ווערן אַ גרויסאַרטיקער יום־טוב פאַרן איך, וואָס האָט ווידער־אַמאָל געקענט צופרידן זיין מיט זיך זעלבסט 2).

עס קומט שטענדיק צו אַ געפיל פון נצחון, ווען דער איך דעקט זיך כאָטש אַ ביסל מיטן איך־אידעאַל. אַלס אויס־דרוק פון דער שפּאַנונג צווישן איך און איך־אידעאַל קען אויך פאַרשטאַנען ווערן דאָס שולד־געפיל (און מינדערווערטי־קייטס געפיל).

ווי באַוווסט זענען פאַראַן מענטשן, ביי וועמען עס

---

1) Totem und Tabu

2) Trotter האלט, אז דאס פארויסשטויסן שטאמט אפ פון סטאדע אינסטינקט. דאס איז גיכער די זעלבע מיינונג, אבער אנדערש אויסגעדריקט, איידער א ווידערשפרוך, ווען איך האב געזאגט אין Einfuhrung des Narzismus". די פארמירונג פון אידעאל איז מצד דעם איך א באדינג פון דעם פארדרענגען.

וואַקלט זיך פעריאָדיש, דאָס אַלגעמיינע געפיל פון שטימונג, פון אַן איבערמעסיקער געדריקטקייט צו אַ געוויסן מיטלצושטאַנד ביז צו אַ געהעכערטער גוטער שטימונג. און די דאָזיקע וואַקלונגען באַווייזן זיך באמת אין זייער פאַרשידענע גרויסע אַמפּליטודן, פון דעם קוים אָנמערקבאַרן ביז צו יענעם עקסטרעמען, וואָס רייסן זיך אַריין העכסט שמערצלעך, אָבער שטענדיק אַלס מעלאַנכאָלישע אָדער מאַניע אינם לעבן פונם קראַנקן. אין טיפּישע פאַלן פון די דאָזיקע ציקלישע צערודערונגען שפּילן כּלומרשט נישט קיין ראָל קיין אויסערלעכע סיבּות; אינערלעכע מאָטיוון געפינט מען ביי די דאָזיקע קראַנקע נישט מער און נישט קיין אַנדערע, ווי ביי אַלע אַנדערע קראַנקע. מען האָט זיך דעריבער צוגעוויינט צו באַטראַכטן די דאָזיקע פאַלן נישט אַלס פּסיכאָגענע. וועגן אַנדערע גאַנץ ענלעכע פאַלן פון ציקלישער צערודערונג, וואָס קענען לייכט פאַרוועכנט ווערן צו די זעלישע חלומות, וועט שפּעטער קומען צו רייד.

די באַגרינדונג פון די דאָזיקע ספּאָנטאַנע שטימונג־וואַקלונגען איז, אַלזאָ, אומבאַקאַנט; אינם מעכאַניזם, וואָס פאַרבייט מעלאַנכאָליע דורך מאַניע, האָבן מיר נישט קיין אַנונג. פאַר די דאָזיקע קראַנקע וואָלט געהאַט אַ באַטייט אונזער השערה, אַז דער איך־אידעאַל ווערט צייטווייליק אויפגעלייזט אינם „איך", נאָכדעם ווי דער דאָזיקער „איך" האָט באַזונדערס שטרענג רעגירט.

לאָמיר אַנטשלאָסן אויסמיידן נישט־קלאָרקייט: אויפן יסוד פון אונזער איך־אַנאַליז איז נישט קיין ספק, אַז ביי דעם מאַניע־קראַנקן זענען צונויפגעבונדן דער איך און איך־אידעאַל, אַזוי אַז די פּערזאָן קען זיך פרייען מיטן אָפּפאַלן פון שטערונגען, ריקזיכטן און זעלבסט פאָרווורפן, געפינענדיק אַ שטי־

מונג פון נצחון און זעלבסטגליק, וואס ווערט נישט געשטערט דורך קיין שום זעלבסט-קריטיק. עס איז ווייניקער באַשיינפּער-לעך, אָבער דאָך גאַנץ וואָרשיינלעך, אַז דאָס אומ-גליק פון אַ מעלאַנכאָליקער איז דער איינדרוק פון שאַרפע חילוקי-דעות צווישןביידע אינסטאַנצן פון „איך". און דעם, וואָס דער איבערמעסיק עמפינדלעכער אידעאַל ברענגט צום אויסדרוק זיין פאַרורטיילונג פון איך אין וואָנזיניקייט און אין זעלבסט-הערנידערונג. עס איז נאָר אַ פראגע צי מען דאַרף זוכן די סיבה פון די דאזיקע פאַרענדערטע באַציונגען צווישן איך און איך-אידעאַל אין די אויבן פאָסטולירטע פעריאָדישע פראטעסטן קעגן דער נייער אינסטיטוציע, אָדער מאַכן פאַר דעם פאַראַנטוואָרטלעך אַנדערע פאַרהעלטנישן.

דער איבערגאַנג צו מאַניע איז נישט קיין נויטווענדיקער שטריך אינם קראַנקהייטס-בילד פון דער מעלאַנכאָלישער דע-פּרעסיע. עס זענען פאַראַן איינפאַכע, איינמאַליקע און פּער-יאָדישע איבערגעחזרטע מעלאַנכאָליעס, וועלכע גייען קיינמאָל נישט אַריבער אין אַ מאַניע-צושטאַנד. פון דער צווייטער זייט זענען פאַראַן מעלאַנכאָליעס, ביי וועלכע די סיבה שפּילט אַן עטיאָלאָגישע ראָל. דאָס זענען פאַלן ביים פאַרלוסט פון אַ גע-ליבטן אָביעקט, אָדער דורכן טויט פונם אביעקט אָדער צוליב אומשטענדן, וועלכע האָבן נייטיק געמאַכט דאָס צוריקטרעטן פון ליבידאָ ביים אָביעקט. אזא פּסיכאָגענע מעלאַנכאָליע קען אויך פאַרוואַנדלט ווערן אין מאַניע און דער דאזיקער ציקל קען אַסך מאָל זיך איבער'חזרן ווי ביי אַ כלומרשטער ספּאָנטאַנישער מעלאַנכאָליע. אלזא, די פאַרהעלטנישן זענען גאַנץ נישט-קלאָר, נאָך מער ווי ביז אהער, ווייל דער פּסיכאָאַנאַליז האָט אויסגעפאָרשט ווייניק פאָרמען און פאַלן פון מעלאַנכאָליע

---

2) פאַרגלייך Abraham: Ansätze zur psychoanalytischen Erforschung und Behandlung des manischepressirn wrese-ihs ete 1912 Klinische Betrage zur psychoanalyse" 1921.

ביז הײנט פֿאַרשטײען מיר נאָר יענע פֿאַלן, אין װעלכע דער אָביעקט װערט פֿאַרלאָזן, װײל ער האָט זיך אַרױסגעװיזן אַלס נישט װערט דער ליבע. ער װערט דאַן װידער אױפֿגערירט דורך אידענטיפֿיצירונג און װערט שטרענג געפֿירט פֿון איך-אידעאַל. די פֿאָרװורפֿן און אַגרעסיע קעגן אָביעקט קומען צום אױסדרוק אַלס מעלאַנכאָלישע זעלבסטפֿאַרװורפֿן 1)

איך דורך אַזאַ מעלאַנכאָליע קען פֿאָרקומען די פֿאַרװאַנדלונג אין מאַניע, אַזױ אַז די דאָזיקע מעגלעכקײט שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן אומאָפּהענגיקער שטריך פֿון דער איבעריקער כאַראַקטעריסטיק בײם קראַנקהײטס-בילד.

איך זע נישט קײן שװעריקײט צו נעמען אין אַכט דעם מאָמענט פֿון פּעריאָדישע פּראָטעסטן פֿון איך קעגן איך-אידעאַל פֿאַר בײדע מינים מעלאַנכאָליע, די פּסיכאָגענע און די ספּאָנטאַנע קען מען אָננעמען, אַז דער איך-אידעאַל איז גענײגט צו אַ באַזונדערער שטרענגקײט. װאָס האָט אַלס פּועל-יוצא דאָס אױטאָמאַטישע צײטװײליקע אָפּשאַפֿן פֿון איך. בײ דער פּסיכאָגענער װערט דער איך געבײצט צום פּראָטעסט דורך דער שלעכטער באַהאַנדלונג מצד זײן אידעאַל, װאָס איז אַ רעזולטאַט פֿון דער אידענטיפֿיצירונג מיט אַן אָפּגעװאָרפֿענעם אָביעקט

---

1) גענױער גערעדט: זײ באַהאַלטן זיך אונטער די פֿאָרװורפֿן קעגן אײגענעם איך, גיבן זײ צו פֿעסטקײט, עקשנותדיקײט און נישט אָפּװאַרפֿבאַרקײט, מיט װעלכע עס צײכנען זיך אױס די זעלבסט-פֿאַרװורפֿן פֿון די מעלאַנכאָליקער.

XII

דערגענצונגען

אין משך פון דער דאזיקער אויספארשונג, וואָס קומט יעצט צו א דערוויילִיקן שלוס, האבן זיך פאר אונז געעפנט פאַר־שידענע זייטיקע וועגן, וואס מיר האבן צום ערשט אויסגעמיטן, נאר זיי האבן אבער פאר אונז אַ נאָנטע שייכות. אייניקע פון די דאזיקע הינטערשטעליקע וועלן מיר נאכיאגן.

א. דער חילוק צווישן אידענטיפיצירונג און איך־אידעאל־פאַרטרע־טונג דורכן אביעקט, געפונט זיך אַן אינטערעסאנטע באלייכטונג אין די צוויי גרויסע קינסטלעכע מאַסן, וואָס מיר האבן פריער שטודירט: די אַרמיי און די קריסטלעכע קירך.

עס איז באַשיינפערלעך, אַז דער זעלנער נעמט אַלס אידעאל זיין אויבערשטן, אלזא, אייגנטלעך דעם אַרמיי־אָנפירער, בעת ער אידענטיפיצירט זיך מיט זיינס גלייכן, און פון דער דאזיקער איך־געמיינזאמקייט שטימט די פאַרפליכטונג פון חברשאפט צו קעגנזייטיקער הילף־לייסטונג און צעטיילונג פון אלע גוטע זאכן. אבער ער ווערט לעכערלעך, ווען ער וועט זיך אידענטיפיצירן מיטן הויפט־אנפירער. דער יעגער אין וואלענ־שטיינס לאגער 1) מאַכט חוזק פונם וואכמייסטער:

---

1) זע Friedrich Schiller

Wie er rauspert und er spuckt

Das hatt ihr in ihm glucklich abgeguckt!...

אנדערש איז דער פאַל אין דער קאַטוילישער קירך. יעדער קריסט ליבט קריסטוסן אַלס זיין אידעאַל אגן פילט זיך פאַרבונדן מיט די אַנדערע קריסטן דורך אידענטיפיצירונג. אבער די קירך פאדערט פון אים עפּעס מער. ער זאָל זיך חוץ דעם אידענטיפיצירן מיט קריסטוסן און ליב האָבן אַלע אַנדערע קריסטן, ווי קריסטוס אַליין האָט זיי ליב. די קירך פאָדערט אויך אין ביידע פאַלן די דערגענצונג פון דער ליבידאָ פּאָזיציע. וואָס ווערט געשאַפן אַדאַנק דער מאַסע. די אידענטיפיצירונג זאָל פאָרקומען אין דעם פאַל, דאָרט וווּ ס'איז פאָרגעקומען דער אויסקלויב פון אָביעקט און די ליבע פון אָביעקט אין דעם פאַל, דאָרט וווּ עס איז פאַראַן די אידענטיפיצירונג. דאָס דאָזיקע „מער" גייט באַשיינפּערלעך אַריבער איבער דער קאָנסטיטוציע פון דער מאַסע. מען קען זיין אַ גוטער קריסט און דאָך ווייט זיין פון דער אידיי צו זיין אויך קריסטוס'עס אָרט און ליב האָבן אַלע מענטשן ווי ער. אַלס שוואַכער מענטש קען ער זיך נישט פאַרגלייכן צו דער נשמה-גרויס און ליבע-שטאַרקייט פונם דערלייזער, אָבער די דאָזיקע ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דעם ליבידאָ-איינטיילונג אין דער מאַסע איז וואַרשיינלעך דער מאָמענט, אויף וועלכן דאָס קריסטנטום פּרעטענדירט צו געווינען אַ העכערע זיטלעכקייט.

ב. מיר האָבן געזאָגט, אַז עס וואָלט געווען מעגלעך אָנצוווייזן דעם מאָמענט אין דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, ווען ס'איז פאָרגעקומען דער פּראָגרעס פאַר די אינדיווידואומען פון דער מאַסן-פּסיכאָלאָגיע צו דער אינדי-

ווידועלער פסיכאלאגיע [1]. דעריבער מוזן מיר בקיצור צוריקגיין צו דעם ווּיסנשאַפטלעכן מיטאָס וועגן פאטער פון דער אור הארדע. שפעטער ווערט ער דערהויבן אלס וועלט באשאפער, און מיט רעכט, ווייל ער האט געבוירן אלע זין, פון וועלכע ס׳האט זיך באשאפן די ערשטע מאסע. ער איז געוועזן יעדן איינעמס אידעאל, גלייכצייטיק מורא-געהאט פאַר אים און פאַרערט, וואס האָט שפעטער געשאפן דעם באַגריף „טאבו”. די דאזיקע מערהייט האט זיך אמאָל צוזאמענגענומען, דערהרגט און צעריסן דעם פאטער. פון די זיגער ביי אָט דער מאָסע האָט קיינער נישט געקענט פאַרנעמען זיין אָרט, אָבער ווען איינער האָט דאָס יא באַוויזן, האָט זיך ווידער באַנייט דער קאַמף, ביז זיי האָבן איינגעזען, אַז זיי מוזן זיך אַלע אָפּזאגען אַלס יורשים פון פאָטער. דאַן האָבן זיי געגרינדעט די טאָטעמיסטישע ברידער-געמיינשאַפט, אַלע מיט גלייכע רעכט און דורך דעם טאָטעם-פאַרבאטגעבונדן זיך צו געדענקען אָן דעם מאָרד און אים אויסקויפן. אבער די אומצופרידנהייט מיט דער דערגרייכטער לאַגע איז געבליבן און איז געוואָרן אַ קוואַל פון נייע אַנטוויקלונגען, שטופנווייז האָבן די מענטשן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן אין דער ברודער.מאַסע, זיך דערנענטערט צו דער איינשטעלונג פון אַלטן צושטאַנד אויף אַ נייעם יסוד, דער מאַנספערשוין איז ווידעראַמאָל געוואָרן דער ראש פון אַ פאַמיליע און געבראָכן די הערשאפט פון דער פרוי, וואָס האָט זיך באַפעסטיקט אין דער צייט פון פאָטערלאָזקייט. אַלס אַנטשעדיקונג האָט ער דאמאלס מן הסתם אַנערקענט די מוטער-גאָטהייט, וועמעס פריסטער ס׳זענען געוואָרן קאַסטרירט, כדי צו שיצן די מוטער, לויטן ביישפּיל, וואָס עס האָט געגעבן דער פאטער פון דער אור-האָרדע; דאך איז די נייע פאַמיליע פאַרבליבן אַ

[1] דאס פאלגנדיקע איז געשריבן אונטערן איינפלוס פון געדאנקן-אויס-טויש מיט Otto Rank.

שאָטן פון דער אַלטער; פּאַטערס זענען געווען אסך און יעדער איז באַגרענעצט געוואָרן דורך די רעכט פונם אַנדערן.

דאַן האָט די בענקשאַפט צו אַ פעלנדיקן פּאַטער באַוויגן אַ יחיד אָפּצורייסן זיך פון דער מאַסע און פאַרנעמען דעם פּאַטער׳ס אָרט. דער, וואָס האט דאָס געטון, איז געווען דער ערשטער עפּישער דיכטער, ער האָט דאָס פאַרווירקלעכט אין זיין פאַנטאזיע. דער דאָזיקער דיכטער האָט פאַרלייקנט די ווירקלעכקייט אין גייסט פון זיין בענקשאַפט. ער האָט אויסגעטראַכט דעם העראָאישן מיטאָס. אַ העלד איז געווען דער, וואָס האט אַליין דערהרגעט זיין פּאַטער, און וואָס האט פיגורירט אינם מיטאָס אַלס טאָטעמיסטישער פאַרזעניש. פונקט ווי דער פאטער איז געווען דער ערשטער אידעאַל פון יינגל, אזוי האט איצט דער דיכטער געשאַפן דעם ערשטן איך-אידעאל אינם העלד, וואָס וויל פאַרטרעטן דעם פאָטער. אַלס ביישפּיל פון צוגעבונדנקייט צום העראָס איז וואַרשיינלעך געווען דער יונגסטער זון, דער מוטערס ליבלינג, וועמען זי האָט באַשיצט פון דער אייפערזוכט פונם פּאָטער, און וועלכער איז אין די אור-האָרדישע צייטן געוואָרן דער יורש פונם פאָטער. אין דער ליגנערישער איבערדיכטונג פון דער אור-צייט איז די פרוי, וואָס איז געווען דער קאַמפּס-פּריז און אָנרייצונג צום מאָרד, וואַרשיינלעך געווארן פאַרפירערין און אויפרייצערין פונם פאַרברעכער.

דער העראָס זאָל אַליין האָבן פאַרווירקלעכט דעם דאָזיקן טאַט, וועלכן ס׳האָט געוויס געקענט טון נאָר די האָרדע אַלס גאַנצעס.

דאך האט די לעגענדע, לויט Rank's באַמערקונג, אויפגעהיטן בולטע שפורן פון אַ פאַרלייקנטער זאַך-לאגע. ווייל דארט (אין דער דאזיקער לעגענדע) פּאסירט עס אפט, אַז דער העלד, וואס האָט צו לייזן אַ שווערע אויפגאַבע — ס׳רוב דער יונגסטער זון, נישט זעלטן אַזאַ, וואָס מאַכט אן אנשטעל פון אַ נאַר פאַר דעם פּאטער-סוראגאט, ד. ה. ער איז נישט פאַר אים געפערלעך — קען לייזן די דאזיקע אויפגאַבע נאר מיט דער הילף פון אַ חברה פון קליינע חיות (בינען, מרוועקעס). דאָס זענען

געווען די ברידער פון דער אור-האָרדע, פונקט ווי אין דער סימבאַליק פון חלומות באַטייטן די אינזעקטן און פּאַראַזיטן ברודער און שוועסטער (פּאַראַכטלעך אַלס קליינע קינדער). יעדע איינע פון די אויפגאַבן אין די מיטאָס און באַבע-מעשות איז דעריבער לייכט צו דערקענען אַלס ערזאַץ פון דער העראָישער טאַט.

דער מיטאָס איז, אַלזאָ, דער שריט, מיט וועלכן דער יחיד טרעט אַרויס פון דער מאַסן פּסיכאָלאָגיע. דער ערשטער מיטאָס איז געוויס געווען דער פּסיכאָלאָגישער, דער העראָישער מיטאָס; דער דערקלערנדיקער נאַטור-מיטאָס האָט געמוזט אויפקומען אַסך שפּעטער. דער דיכטער, וואָס האָט געמאַכט דעם דאָזיקן שריט און אַזוי אַרום זיך באַפרייט אין דער פאַנטאַזיע פון דער מאַסע, ער ווייס, לויט Rank's א ווייטע-דיקע באַמערקונג, אין אמתן דעם צוריק-וועג צו איר, ווייל ער גייט צו דער מאַסע און דערציילט איר די טאַטן פון זיין העלד, וואָס ער האָט אויסגעטראַכט. דער דאָזיקער העלד איז, אין גרונט גענומען, נישט קיין אַנדערער ווי ער אַליין. ער פאַלט אַזוי אַרום אַראָב צו דער רעאַליטעט און דערהייבט זיינע צוהערער צו דער פאַנטאַזיע. די צוהערער אָבער פאַרשטייען דעם דיכטער, זיי קענען זיך אידענטיפיצירן מיטן העראָס אויפן יסוד פון דער אַלץ איינער בענקשאַפטלעכער באַציונג צום אור-פאָטער. 1)

דער ליגן פון דעם העראָישן מיטאָס דערגרייכט זיין העכסטן פונקט אין דער פאַרגעטלעכונג פונם העראָס. אפשר איז דער פאַרגעטלעכטער העראָס פריער געווען ווי דער פאָטער-גאָט, דער פאַרלויפער פונם אור-פאָטערס אַלס צוריקער גאָטהייט. די געטער-רייע איז דאַן כראָנאָלאָגיש אַזוי: מוטער-געטין — העראָס

---

1) v gl. H a n s s a ch s Gemiensame Tagträume Autoreferat eines vortrages auf dem N. psychoanalytischdn kongress im Hag 1920. Jnternationale Zeitschrift für Psychoanalyse VI 1920.

— פאטער-גאט. אבער ערשט מיט דער דערהויבונג פון דעם קיינמאל-נישט-פארגעסענעם אור-פאטער האט די גאָטהייט באַקומען די שטריכן, וואָס מיר זעען אין איר נאָך היינט 1).

ג. אין דער דאזיקער אָפּהאנדלונג האָבן מיר אַסך גערעדט פון דירעקטע און פון ציל-געהאמעוועטע סעקסועלע-נייגונגען, און מיר דארפן האָפן, אַז די דאָזיקע אונטערשיידונג וועט נישט אָנטרעפן אויף אַ גרויסן ווידערשטאנד. דאך וועט נישט זיין איבעריק אַ נענטערע באטראכטונג וועגן דער דאזיקער פראַגע, אפילו ווען עס ווערט איבערגעחזרט דאָס, וואס איז שוין גרעסטנטיילס געזאָגט געוואָרן אויף פריערדיקע ערטער.

דער ערשטער, אבער אויך בעסטער ביישפּיל פון ציל-געהאמעוועטע סעקסועלע נייגונגען האָט אונז געגעבן די ליבידאָאנטוויקלונג פונם קינד. די אלע געפילן, וואס דאס קינד האָט פאר זיינע עלטערן און פאַר די מענטשן, וואָס זארגן פאר אים, פארווירקלעכן זיך אָן באַגרענצונג אין די ווינטשן, וועלכע גיבן דעם אויסדרוק פון דעם קינדס סעקסועלן שטרעבן. דאָס קינד פארלאַנגט פון די דאָזיקע געליבטע פערזאנען אַלע צערטלעכקייטן, וואָס זענען אים באקאנט, וויל זיי קישן, בערירן, באקוקן, איז נייגעריק צו זען זייערע געניטאַליען און ביי זיין ביי זייערע אינטימע עקסקרעציע-אָפּריכטונגען. עס זאָגט-צו מיט דער מוטער אָדער פלעגערן חתונה צו האָבן, וואָס אַזוינס ס'זאָל נישט מיינען אונטער דעם דאזיקן באַגריף, עס נעמט זיך אָן צו געב ן דעם פאָטער אַ קינד א. א. וו. דירעקטע באַאָבאַכטונגען, ווי אויך די שפּעטערדיקע אנאַליטישע באַלייכטונג פון די רעשטן פון דער קינדהייט, לאָזן נישט איבער קיין ספק

1) אין דערדאזיקער פארקירצטער שילדערונג איז אויסגעקומען אפצוזאגן זיך פון גאנצן מאטעריאל, זאגן, מיטאס, לעגענדן, מאראל-געשיכטע א.א. וו בדי צו שטיצן זיך אויף דער דאזיקער קאנסטרוקציע.

אין דעם אוממיטלבאַרן צוזאַמענפליסן פון צערטלעכע און אייפערזיכטיקע געפילן און סעקסועלע כוונות און זיי ווייזן אונז אָן ווי גרונטלעך דאָס קינד מאַכט די געליבטע פערזאָן אַלס אָביעקט פון זיינע נאָך נישט־ריכטיק קאָנצענטרירטע סעקסועלע באַשטרעבונגען (זע: סעקסועלע טעאָריע).

די דאזיקע ערשטע ליבע־געשטאַלטונג פון קינד, וואָס ליגט־אונטער אין אַ טיפּישן אופן דעם עדיפּ־קאָמפּלעקס, פאַלט אַרונטער, ווי באַקאַנט, אונטער אַ פאַרלייקענונג איבער אָנהייב פון לאַטענטן פעריאָד. דאָס, וואָס עס בלייבט נאָך אָט דער פאַרלייקענונג ווייזט זיך אונז אויס אַלס אַ ריין־צערטלעכע געפיל־געבונדנקייט, וואָס גילט די זעלבע פערזאָנען, אבער קען נישט באַצייכנט ווערן אַלס „סעקסועל". דעם פּסיכאָלאָג, וועלכער באַלייכט די טיפענישן פון גייסטיקן לעבן, איז נישט שווער אויפצווייזן, אַז אויך די סעקסועלע צוזאַמענבונדן פון די ערשטע קינדער־יאָרן עקזיסטירן נאָך, אבער זיי זענען פאַרשטויסן און אומבאַוווּסטזיניק. ער גיט אונז דעם מוט צו באַהויפּטן, אַז אומעטום, וווּ מיר באַגעגענען אַ צערטלעך געפיל, איז דאָס דער נאָכפאָלגער פון אַ פולקאָם „זינלעכן" אָביעקט־צוזאַמענבונד צו דער באַטרעפנדער פערזאָן, אָדער איר פאָר־בילד. (Imago) ער קאָן אונז, — געוויס, אָן קיין באַזונדער אויספאָרשונג, — נישט באַווייזן צי עס עקזיסטירט נאָך אין געגעבענעם פאַל די פריערדיקע סעקסועלע נייגונגען אין אַ פאַרלייקנטן צושטאַנד, אָדער זיי זענען שוין פאַרצערט. נאָך בולטער צו זאָגן: עס איז פעסטבאַשטימט, אַז זי איז נאָך פאַראַן אַלס פאָרם און מאַכט מעגלעך און קאָן נאָך צו יעדער צייט ווערן אַקטיוו דורך רעגרעסיע; עס פרעגט זיך, און עס איז נישט שטענדיק לייכט צו אַנטשיידן, וועלכע פאָרם און ווירקזאַמקייט זי האָט נאָך אין דער איצטיקער צייט. מען מוז דאָ אין אַ גלייכער־מאָס אין אַכט נעמען צוויי קוועלן פון פעלערן; די סצילא פון דער אונטער

שעצונג ביי דעם פאַרבאָרגענעם אומבאַוווסטזיניקן, און די כאַריבדע פון דער נייגונג צו מעסטן דאָס נאָרמאַלע דוקא מיט דער מאס פון דעם פאטאלאגישן.

דער פסיכאָלאָגיע, וועלכע קען נישט אָדער וויל נישט דורכדרינגען די טיפקייט פון דאָס אָפּגעלייגטע, פאַרלייקנטע, שטעלן זיך די דאָזיקע צערטלעכע געפיל-צוזאַמענבונדן יעד פאַלס אָלס אויסדרוק פון שטרעבונגען, וואָס צילן נישט צום סעקסועלן, אפילו ווען זיי שטאַמען פון די זעלבע צוגעבונדזקייטן, וואָס האבן אַ סעקסועלע באַפארבונג. 1)

מיר זענען באַרעכטיקט צו זאָגן, אַז די דאָזיקע שטרעבונגען זענען אָפּגעביגט פון די דאזיקע סעקסועלע צילן. ווען אפילו עס איז שווער צו צופּאַסן די פאדערונגען פון דער מעטאַפּסיכאלאגיע צו אַזאַ שילדערונג, ווען דער אָפּנייגונג פון ציל, איבעריקנס, היטן נאך אויף די דאָזיקע ציל-געהאַמעוועטע נייגונגען אייניקע פון די אורשפּרינגלעכע סעקסועלע צילן; אויך דער צערטלעך נאָענטער, דער פריינט, דער פאַרערער זוכט די קערפּערלעכע נאענטקייט און דעם אָנבליק פון דער פּערזאָן, וואָס ער ליבט „אין גייסט פון אַפּאסטאל פּאַול”. אויב מיר ווילן, קענען מיר אין דער דאָזיקער אָפּנייגונג פון ציל אָנערקענען דעם אָנהייב פון סובלימירונג פון די סעקסועלע נייגונגען, אָדער נאך ווייטער פאַרברייטערן די גרעניצן פון די לעצטע. די ציל-געהאַמעוועטע סעקסועלע נייגונגען האָבן אַ גרויסן פונקציאנעלן פאָרטייל פאַר די נישט-געהאַמעוועטע. ווייל זיי זענען נישט פעיק צו קיין פולשטענדיקער באַפרידיקונג, זענען זיי צוגעפּאַסט צו שאַפן דויערהאַפטיקע צוזאַמענבונדן, בעת די דירעקטע סעקסועלע פארלירן זייער ענערגיע יעדעס מאל ביים באַפרידיקן זיך און זיי מוזן וואַרטן אויף באַנייונג דורך אויפסנייי צונויפזאַמלען דעם סעקסועלן

---

1) די פייגטלעכע געפילן זענען געוויס אַ ביסל קאמפּליצירטער אויס-געבויט;

אָביעקט. די געהאַמעוועטע נייגונגען זענען אין יעדער מאָס פעיק זיך אויסצומישן מיט די נישט-געהאַמעוועטע, קענען זיך אין זיי צוריק פאַרוואַנדלען, פונקט אַזוי ווי זיי זענען פון זיי אַרויסגעוואַקסן. עס איז באַקאַנט ווי לייכט עס אַנטוויקלען זיך פון געפילס-באַציונגען אויפן פריינטשאַפטלעכן אַרט, וואָס שטיצן זיך אויף אַנערקענונג און באַוווּנדערונג, עראָטישע ווונטשן (דאָס מאָליערישע (Embrasse-moi pour lamour du Grec צווישן מייסטער און שילערין, קינסטלער און אַנטציקטע צוהערער, באַזונדערס ביי פרויען. יאָ, די אַנטשטייונג פון אַזעלכע געפיל-צוזאַמענבונדן, וואָס האָבן נישט צום ערשט קיין שום סעקסועלע כוונות, גיט דירעקט אַ באַטרעטענעם וועג צו דער סעקסועלער אָביעקט-וואַל.

אין זיין „Frömmigkeit des Grafen von Zinzendorf“ האָט Pfister געוויזן אַ בולטן, געוויס נישט פאַריינצלטן ביישפּיל פון דעם, ווי נאָענט עס איז, אַז אויך אינטענסיווע רעליגיעזע צוגעבונדקייט פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פלאַמעדיקע סעקסועלע אויפרעגונג. פון דער צווייטער זייט איז אויך די פאַרוואַנדלונג פון דירעקטע קורצלעבעדיקע סעקסועלע שטרעבונגען אין דויערנדיקער, בלויז צערטלעכער צוגעבונדנקייט פון עפּעס זייער געוויינלעכעס, און די קאָנסאָלידירונג פון אַ חתונה, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן פון אַ פאַרליבטער ליידנשאַפט, שטיצט זיך גרעסטנטיילס אויפן דאָזיקן פּראָצעס.

עס וועט אונז, נאַטירלעך, נישט פאַרוווּנדערן צו הערן אַז די ציל-געהאַמעוועטע סעקסועלע שטרעבונגען אַנטשטייען פון די דירעקט סעקסועלע, אויב דער דערגרייכונג פון די סעקסועלע צילן שטעלן זיך אַנטקעגן אינערלעכע אָדער אויסערלעכע שטערונגען. דאָס פאַרשטויסן די לאַטענצצייט איז אַן אינערלעכע — אָדער בעסער געזאָגט: אַזאַ אינערלעך-געוואָרענע שטערונג. ביים פאָטער פון דער אור-האָרדע האָבן מיר אָנגענומען, אַ ער צווינגט, צוליב זיין סעקסועלער אומטאָלעראַנץ, אַלע זין צו

אבסטינענץ, און שטופט זיי אזוי ארום אין ציל-געהאמעוועטע צוגעבונדנקייטן, בעת ער גופא באהאלט פאר זיך דעם פרייען סעקסועלן גענוס און ער אליין בלייבט נישט געבונדן. אלע צוגעבונדנקייטן, אויף וועלכע די מאסע שטיצט זיך, געהערן צו דעם מין פון ציל-געהאמעוועטע נייגונגען. מיט דעם האבן מיר זיך דערנענטערט צו דער באטראכטונג פון א נייער טעמע, וואס באהאנדלט די באציונג פון די דירעקטע סעקסואל-נייגונגען צו דער מאסע.

דורך די ביידע לעצטע באמערקונגעז זענען מיר שוין צוגעגרייט צו דעם, אז די דירעקטע סעקסועלע באשטרעבונגען זענען נישט גינסטיק פאר דער מאסע. הגם אויך אין דער אנטוויקלונגס-געשיכטע פון דער פאמיליע האבן עקזיסטירט מאסן-באציונגען פון דער סעקסועלער ליבע (די גרופן-חתונה), אבער וואס באדייטונגספולער ס'איז געווארן די געשלעכטלעכע ליבע פארן „איך", אלץ מער פארליבטקייט האט זיך אנטוויקלט, אלץ עקשנותדיקער פאדערט זי די באשרענקונג אויף צוויי פערזאנען — una cumuno — וואס זענען דורך דער נאטור אנגעצייכנט געווארן פאר דעם געניטאל-ציל. די פאליגאמישע נייגונגען זענען אנגעוויזן אויף דרויף זיך צובאפרידיקן מיט דעם פאלגנ-דיקן טויש פון אביעקט.

די ביידע פערזאנען, וואס זענען אנגעוויזן איינער אויפן אנדערן פארן צוועק פון סעקסועלער באפרידיקונג, דעמאנסטרירן קעגן דעם סטאדע-אינסטינקט, מאסע-געפילן, זוכנדיק איינזאמקייט. וואס פארליבטער זיי זענען, אלץ פולקאמענער גענוגן זיי איי-נער פארן צווייטן. דאס אפווארפן דעם איינפלוס פון דער מאסע דריקט זיך אויס אלס בושה-געפיל. די אויסערסט-העפ-טיקע געפילס-אויפרעגונגען פון דער אייפערזוכט ווערן גערופן, כדי צו שיצן די סעקסועלע אביעקט-וואל פון א היזק דורך דער צוגעבונדנקייט צו דער מאסע. נאר אויב דער צערטלעכער, דער פערזענלעכער פאקטאר פון דער ליבע-באציונג טרעט אינגאנצן צוריק פאר דעם זינלעכן, ווערט מעגלעך דער ליבע-פארקום פון א פאר-פאלק אין דער קעגנווארט פון אנדערע אדער גלייכצייטיקע

סעקסועלע אַקטן, אינערהאַלב אַ גרופּע ווי בעת אַן אָרגיע. מיט דעם איז אָבער געגעבן אַ רעגרעסיע צו אַ פרייען צושטאַנד פון געשלעכט־באַציונגען, בעת וועלכע די פּאַרליבטקייט האָט נאָך נישט געשפּילט קיין ראָל, און די סעקסועלע אָביעקטן זענען גלייכווערטיק איינער דעם צווייטן, עטוואָס אין זין פון בערנאַרד שאָו׳ס גיפטיקע ווערטער: פאַרליבט זיין הייסט גענוואַלטיק איבערצושעצן דעם אונטערשיד צווישן איין פרוי און אַ צווייטער.

עס זענען פאַראַן אַסך סימנים, אַז די פאַרליבטקייט טרעט ערשט שפּעטער אַריין אין די סעקסועלע באַציונגען צווישן מאַן און ווייב, אַזוי אַז אויך די קעגנשאַפט צווישן געשלעכטלעכע ליבע און מאַסן־צוגעבונדנקייט איז ערשט אַ שפּעטערע אַנטוויקלונג.

אין גרויסע קינסטלעכע מאַסן, אין דער קירך און אין מיליטער, האָט די פרוי אַלס סעקסועלער אָביעקט נישט קיין אָרט. די ליבע־באַציונגען צווישן אַ מאַנספּערשוין און פרוי בלייבן מחוץ די דאָזיקע ארגאַניזאַציעס. אפילו דאָרטן, ווו עס פאָרמירן זיך מאַסן, וואָס באַשטייען פון מאַנסלייט און פרויען, שפּילט נישט קיין שום ראָל די געשלעכטלעכע אונטערשיידונג. עס בלייבט כמעט ווי אַ פראַגע צי דער ליבידא, וואָס בינדט צונויף די מאַסע, טראָגט אַ האָמאָסעקסועלן אָדער העטעראָסעקסועלן כאַראַקטער, ווייל ער, דער ליבידא, איז נישט דיפערענצירט לויט די געשלעכטער און ער האָט גאָרנישט אין זינען די גענ־יטאַלע ארגאַניזאַציע פונם ל בידא.

די דירעקטע סעקסועלע שטרעבונגען היטן אויך אויף, ביז אַ געוויסער מאָס, די אינדיווידועלע טעטיקייט ביי א מענטש, וואָס ווערט געוויינלעך אויפגעלייזט אין דער מאַסע. דאָרט, ווו זיי פאַרשטאַרקן זיך אויסערגעוויינלעך, פאַרגיכטן זיי יעדע מאַסע. די קאַטוילישע קירך האָט געהאַט וואָגיקע מאָטיוון, רעקאָמענדירנדיק די גלויביקע דאָס נישט־חתונה־האָבן, און ארויפלייגנדיק אויף אירע הייליקע דינער דעם צעליבאַט, אָבער די פאַרליבטקייט איז אָפט אויך פאַר די גייסטלעכע

פֿערזאָנען געווען אַ סטימול אַרויסצוטרעטן פֿון דער קירך. דעסגלייכן לייזט די ליבע צו אַ פֿרוי אויף די צוגעבונדנקייט פֿון דער מאַסע צו דער ראַסע, די נאַציאָנאַלע ראַמען און די סאציאַלע קלאַסן אָפּצוימונגען, און פֿירט אַדאַנק דעם וויכטיקע קולטורעלע אויפֿגאַבן. בלי ספק, אַז די האָמאָטעקסועלע ליבע פֿאַסט זיך לייכטער צו די מאַסן־צוגעבונדנקייטן אָפּט דאָרט, ווו זי באַווייזט זיך, ווי נישט־געהאַמעוועטע סעקסועלע שטרעבונגען. דאָס איז אַ שטוינענדער פֿאַקט, און אים צו דערקלערן וואָלט אונז צו ווייט פֿאַרפֿירט.

די פּסיכאָלאָגיע אויספֿאָרשונג פֿון די פּסיכאָנעווראָזן האָט אונז דערוויזן, אַז מען דאַרף האַלטן זייערע סימפּטאָמען פֿאַר אַזעלכע, וואָס שטאַמען אָפּ פֿון די אַרויסגעשטויסענע, נאָר וועלכע זענען געבליבן אַקטועלע דורך די דירעקטע סעקסועלע שטרעבונגען. די דאָזיקע פֿאָרמול דאַרף מען דערגענצן: די סימפּטאָמען קענען זיך אויך באַווייזן אַלס אָפּשטאַמענדיקע פֿון ציל־געהאַמעוועטע שטרעבונגען ביי וועלכע די געהאַמעוועטקייט איז לגמרי נישט געלונגען, אָדער ביי וועלכע ס'איז פֿאָרגעקומען אַ צוריקקער צום אַרויסגעשטויסענעם סעקסועלן ציל.

די דאָזיקער מיט־שייכות אַנטשפּרעכט פֿולקאָם דעם פֿאַקט, וואָס דער מענטש ווערט אונטערן איינפֿלוס פֿון נעווראָז אַסאָציאַל און ער רייסט זיך אָפּ פֿון די געוויינלעכע מאַסן. מען קען זאָגן, אַז דער נעווראָז, פּונקט ווי די פֿאַרליבטקייט, ווירקט פֿאַרניכטענד אויף דער מאַסע. דעריבער קען מען זען, אַז דאָרט, ווו ס'איז פֿאַראַן אַ סטימול צו אַ מאַסע־פֿאַרמירונג, טרעט אָפּ דער נעוראָז אויפֿן לעצטן אָרט, און קען, לכל הפּחות, אינגאַנצן פֿאַרשווונדן ווערן אויף אַ געוויסער צייט. ס'זענען אַפֿילו געמאַכט געוואָרן באַגרינדעטע פּרוּוון אָנצווענדן די דאָזיקע נישט צוגעפּאַסטקייט פֿון נעווראָז און דער מאַסע ווי טעראַפּעטיש מיטל. אַפֿילו דער, וואָס באַדויערט נישט דאָס פֿאַרשווונדן ווערן פֿון רעליגיעזע אילוזיעס אין דער היינטצייטיקער קולטור־וועלט, איז מודה, אַז זיי זענען געווען אַ שטאַרקע שוץ בעת דער נעוראָזישער געפֿאַר פֿאַר מענטשן,

וואָס די האָבן צוזאַמענגעבונדן. ס'איז נישט שווער צו זעען אין די אַלע צוגעבונדנקייטן די מיסטיש רעליגיעזע אָדער פי־לאָזאָפיש־מיסטישע סעקטעס און געמיינדעס אַן אויסדרוק פון פסיידא היילונג פון פאַרשידענע נעוראָזן. דאָס אַלץ איז פאַר־בונדן מיט דער סתירה אין די דירעקטע און צילגעהאַמעוועטע סעקסועלע שטרעבונגען.

דער נעוראָטיקער איז אָנגעוויזן אויף זיך אַליין, ער מוז זיך מיט זיינע סימפטאָמען אַליין פאַרטרעטן די ריזיקע מאַסן פון וועלכע ער איז אויסגעשלאָסן, ער באַשאַפט זיך זיין אייגן פאַנטאַסטיש וועלטל, און זיין, פון וועג רעדנדיקן סיסטעם זיין אייגענע רעליגיע, זיין אייגן סיסטעם. און אַזוי אַרום האָט ער איבער די אינסטיטוציעס פון דער מענטשהייט אין אַ פאַר־קריפּלטער פאָרם, וואָס איז אַ באַווייז פונם שטאַרקן אָנטייל פון די דירעקטע סעקסועלע שטרעבונגען.1)

ד. צום סוף ווילן מיר געבן אַן אָפּשאַצונג, אַרויסגייענ־דיק פון דער ליבידא־טעאָריע, פון יענע צושטאַנדן, וואָס מיר האָבן שטודירט: פאַרליבטקייט, היפּנאָז, מאַסע און נעוראָז.

די פאַרליבטקייט שטיצט זיך אויף דער גלייכצייטיקער עקזיסטענץ פון דירעקטע און ציל־געהאַמעוועטע סעקסועלע שטרעבונגען, דערביי ווערט עס אָביעקט אַוועקגעגעבן אַ טייל פונם נאַרציסטישן „איך" ליבידא, בעת דער פאַרליבט־קייט עקזיסטירט נאָר דער „איך" און דער אָביעקט:

דער היפּנאָז צעטיילט מיט דער פאַרליבטקייט די באַ־גרענצונג פון די צוויי פּערזאָנען, ער שטיצט זיך אָבער אויס־שליסלעך אויף ציל־געהאַמעוועטע סעקסועלע שטרעבונגען און שטעלט דעם אָביעקט אויפן אָרט פון „איך" אידעאַל.

די מאַסע פאַרפילט דעם דאָזיקן פּראָצעס; זי פאַלט צענויף מיטן היפּנאָז און כאַראַקטער פון די איר צוזאַ־

---

1) זע, „טאָטעם און טאַבו" 2־טע קאַפּיטל.

מענבונדנדיקע נייגונגען און אינם פאַרבייט פונם „איך" אידעאַל דורכן אָביעקט, אָבער ביי איר פאַרייניקט זיך די אידענטיפיצי־רונג מיט אַנדערע אינדיווידואומען, וואָס איז, געוויס, אור־שפּרינגלעך געווען מעגלעך אַדאַנק דער זעלבער באַציונג צום אָביעקט.

די ביידע צושטאַנדן, סיי דער היפּנאָז, סיי די מאַסע, זענען ירושה־אָפּזאַצן פון דער פילאָגענעזע פונם מענטשלעכן ליבידאָ; דער היפּנאָז — ווי אַ פאַרנייגונג די מאַסע חוץ דעם ווי אַ דירעקטע איבערגעלעבטע זאַך. דער פאַרבייט פון די־רעקטע סעקסועלע שטרעבונגען אין ציל־געהאַמעוועטע, ווירקט אין ביידע פאַלן אויף דער אָפּזונדערונג פונם „איך" און „איך" אידעאַל; דער יסוד איז שוין געלייגט געוואָרן בעת דער פאַר־ליבטקייט.

דער נעוראָז טרעט אַרויס פון דער ריי. ער שטיצט זיך אויך אויף דער אייגנאַרטיקייט פון דער אַנטוויקלונג פונם מענטשלעכן ליבידאָ, אויף דעם איבערגערופענעם, איבערן לאַטענסן פעריאָד, צווייפאַכיקן יסוד פון דער דירעקטער סעק־סועלער פונקציע.

(זע: טעאָריע פון געשלעכטלעכער נייגונג)

אין דער הינזיכט טיילט ער מיטן היפּנאָז און דער מאַסע דעם כאַראַקטער פון דער רעגרעסיע וואָס די פאַרליבט־קייט מיידט אויס. ער קומט שטענדיק אָן אין די פאַלן, ווו ס'איז נישט פולקאָם געלונגען דער איבערגאַנג פון דירעקטע צו ציל־געהאַמעוועטע סעקסועלע שטרעבונגען; ער איז דער אויסדרוק פונם קאָנפליקט צווישן די איינגעזאַפּטע אינם „איך" נייגונגען, וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט אַזאַ אַנטוויקלונג, און אַ טייל פון די נייגונגען וואָס שטרעבן פון דער אַרויסגעשטויי־סענער אומבאַוווסטזיניקער ספער צו זייער דירעקטער באַפרי־דיקונג (פונקט ווי אַנדערע פולשטענדיק אַרויסגעשטויסענע ניי־גונגען). לויטן אינהאַלט איז דער נעוראָז אויסערגעוויינלעך רייך, ווייל ער נעמט אַרום אַלע מעגלעכע באַציונגען צווישן „איך" און אָביעקט. סיי די, אין וועלכע דער אביעקט היט

זיך אויף, סיי יענע, אין וועלכע מען זאָגט זיך אָפּ פון אים אָדער אין וועלכע דער „איך“ איז אַליין דער אָביעקט; דאָ אַהער געהערן אויך די קאָנפליקט־באַציונגען צווישן „איך“ און „איך“ אידעאַל.

— סוף —

פרייז 3.50 גילדן.

פראָפ. זיגמונד פרויד.

„די פסיכאלאגיע פון די מאסן און דער אנאליז פון מענטשלעכן „איך".

ווער איז פראָפעסאָר זיגמונט פרויד?

אויפן געביט פון דער מענטשלעכער נשמה-פאָרשונג אין אונזער צייט איז פראָפ. זיגמונד פרויד אייגער פון אירע גרעסטע פאָרשייער. זיין געניאלע העכסט אייגנאַרטיקע טעאָריע, דער אַזוי גערופענער פרוידיאניזם, האט אויפגעעפנט וועגן צו דער דערקענטניש פון דער מענטשלעכער נשמה, וועלכע זענען ביזן היינטיקן טאָג געווען פארהוילן אין די טונקלסטע טומאנען פון דער נישט-באגרייפבארקייט.

דער פרוידיאניזם האט דערמעגלעכט דעם אנאליז פון פסיכאלאגישן „זיין" וואס שייך דער קוים שפּורהאפטע רעגונג ביז צו דער גרעסטער העראָישער אנשטרענגונג ביים יחיד ווי ביי די מאַסן.

עס איז נישט פאראן קיין איין קולטור-שפּראך, וועמעס ליטעראטור זאל שוין נישט האבן פארייגנט אין זיך די העכסט וויכטיקע ווערק פון דעם דאזיקן גרויסן געלערטן.

מיר מיט אונזער אויסגאַבע קומען צום ערשטן מאל אין יידישן מיט איינס פון זיינע אינטערעסאנטסטע אָפּהאנדלונגען וועגן מאסן און „איך" און זייער קעגנזייטיקע באציונגען. דאָס בוך קען נישט בלייבן אומבאמערקט פאר קיין שום דענקנדיקן מענטש.

דאס בוך איז איבערגעזעצט פונם ארגינאל, פון דער לעצטער דייטשער אויסגאבע דורך ש. לערמאן.